STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01678

DI MILHOME-GEFAR

Alex Bittelman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַלעקסאַנדער ביטעלמאַן

די
מלחמה־געפאַר

אַרויסגעגעבן פון
אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן
1931

לייענט דעם חודש־זשורנאל

דער פונק

אפיציעלער ארגאן פונ'ם אינט. ארבעטער ארדן

רעדאקטאר: קלמן מרמר

דער „פונק” אנטהאלט ארטיקלען איבער ארדן־פראבלעמען, צייטפראגן, מעדיצין און היגיענע, אויך פעליעטאנען, צייכנונגען, לידער, דערציילונגען, אייאנקטערס, קינדער-שאפונגען. זערצו פראטאקאלן פון דער נאציאנאלער עקזעקוטיווע און באריכטן פון די דיסטריקטן, שטאט-קאמיטעטן, בראנטשעס און שולן פון דעם אינטערנאציאנאלן ארבעטער ארדן.

עס נעמען אנטייל:

מ. אלניו, ש. אלמאזאוו, וויליאם אייבראמס, נ. בייכוואלד, אהרן גראסמעלר, שלמה דאווידמאן, רחל האלטמאן (מאסקווע), לואיס היימאן, מ. י. וואכמאן, וויליאם וויינער, נחום וויסמאן, ר. זאלצמאן, דר. ה. י. זלאטקין, ל. טאלמי, דבורה טאראנט, פ. טשערנער, פ. יודיטש, ר. יוקלסאן, כאווערפאווער, באמשאל, דר. א. ליין, דר. מאריס לעווים, א. מ. מאנדלבוים, ב. מאזער, קלמן מרמר, משה נאדיר, ה. נעוויק, אייזיק פלאטנער, א. פרינץ, משה פעלדמאן (מענטרעאל), מ. פעדער, בצלאל פרידמאן, נ. קאמענעצקי, יאסל קאטלער, אהרן קורץ, י. קעניגשטיין, י. א. ראנטש, נ. שייפער, משה שיפרים.

פרייז: א יאר—1 דאלאר; א האלב יאר—60 סענט
איינצל־נומער—10 סענט

THE SPARK

32 UNION SQUARE Room 603 NEW YORK

די
מלחמה־
געפאַר

פון
אַלעקסאַנדער ביטעלמאַן

אַרויסגעגעבן פון דעם
אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן
32 יוניאָן סקווער
ניו יאָרק

Copyright 1931
INTERNATIONAL WORKERS ORDER
32 Union Square
New York
33

1.

דער קאַפּיטאַליזם טרייבט די מענטשהייט צו אַ נייער מלחמה

דער איצטיקער קריזיס און די שטייגנדיקע מלחמה-געפאַר

דער קאַפּיטאַליזם טרייבט די מענטשהייט צו אַ נייער וועלט-מלחמה. די קומענדיקע אימפּעריאַליסטישע מלחמה וועט זיין טויזנט מאָל שרעקלעכער, בלוטיקער און וועט ברענגען נאָך אַ גרעסערן חורבן פאַר די האַרעפּאַשנע מאַסן ווי אפילו די וועלט-מלחמה פון 1914—1918. די מיליטאַריסטן פון דער גאַנצער וועלט דערקלערן מיט שטאָלץ, אַז די נייע מלחמה וועט געפירט ווערן אויף **גאָר אַנאַנדער שטייגער** ווי ביז איצט. דאָס וועט זיין אַ מלחמה פון גיפט-גאַזן און עראָפּלאַנען, אַ מלחמה פון טאַנקס און מאַשינען, אַ מלחמה אין וועלכער עס וועלן ניט זיין קיין נייטראַלע לענדער און קיין פרידלעכע באַפעלקערונגען. דאָס שלאַכט-פעלד וועט זיין —די גאַנצע וועלט, און יעדער מענטש וועט זיין אויפ'ן שלאַכט-פעלד.

צוליב וואָס וועט געפירט ווערן די נייע מלחמה? ווער דאַרף זי האָבן? דער ענטפער איז: צו ראַטעווען דעם קאַפּיטאַליזם פון צוזאַמענבראָך. עס וועט זיין אַ מלחמה אויף אומצוּוואַרפן די הערשאַפט פון די אַרבעטער און פויערים אין דעם פאַרבאַנד פון די סאָציאַליסטישע סאָוועט-רעפּובליקן און צוריק צו ברענגען דאָס לאַנד פון סאָציאַליזם אונטער'ן יאָך פון קאַפּיטאַליזם. ס'וועט זיין אַ מלחמה אויף צו זיכערן די הערשאַפט פון דער אַמעריקאַנער בורזשואַזיע איבער דער גאַנצער וועלט.

ניט אָט-דעם אמת'ן ענטפער וועלן די קאַפּיטאַליסטן אָנגעבן. זיי וועלן צוטראַכטן, זיי האָבן שוין צוגעטראַכט אַן'אַנדער תירוץ פאַר דער מלחמה, וואָס זיי גרייטן צו. די קאַפּיטאַליסטן און זייערע רעגירונגען וועלן זאָגן, אַז זיי פירן אַ מלחמה אויף צו מאַכן אַ סוף צו מלחמות, פּונקט ווי זיי האָבן דאָס געזאָגט, ווען זיי האָבן אונז אַריינגעשלעפּט אין דער שחיטה פון 1914—1918. זיי וועלן אונז אויפּפאָדערן ניט בלויז מיט זיסע רייד און פאַרבלענדענישן, נאָר מיט דעם גאַנצן אַפּאַראַט פון גוואַלד-מאַכט וואָס זיי פאַרמאָגן, אַז מיר זאָלן מקריב זיין אונזערע לעבנס פאַר דעם פאָטערלאַנד, פאַר דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע, פאַר רעליגיע, פאַר די פרייהייטן פון דעם איינצעלנעם מענטשן, פאַר די טראַדיציעס פון אונזערע עלטער-זיידעס און מאַלע-וואָס. זיי וועלן זיך נוהג זיין פּונקט ווי אין דער רויבער-מלחמה פון 1914-1918, ווען דורך די זיסע רייד פון וואודראָו ווילסאָן און דורך דעם ברוטאַלן טעראָר פון זייער רעגירונגס-מאַשין האָבן זיי אונז געטריבן צו דער שחיטה כדי צו „זיכערן די וועלט פאַר דעמאָקראַטיע”.

מער פון אַלץ וועלן זיי זיך פאַרמעסטן אונז אויפצורייצן מיט זייערע

ליגנס און פאַרלוימדונגען געגן דעם לאנד, וואָס בויט א סאָציאַליסטישע אָרדנונג, געגן דעם סאָוועטן-פאַרבאנד. זיי וועלן מאכן נאָך מער געפילדער מיט זייער היפּאָקריטישן געשריי וועגן סאָוועטישן „דאָמפּינג" און וועגן „געצוואונגענער ארבעט" אין סאָוועטן-פאַרבאנד, כדי דערמיט צו צעטומלען די מאסן און זיי טעראָריזירן מיט'ן צוועק אריינצוטרייבן זיי אין דער מלחמה.

וואָס איז אָבער דער אמת? דער אמת איז, אז דער קאַפּיטאַליסטישער קלאס זעט נישט קיין אנדער אויסוועג אַף צו ראַטעווען זיין הערשאַפט און זיין סיסטעם פון אונטערגאנג אויסער א נייער וועלט-מלחמה. און דערפאַר גרייטן זיך די קאַפּיטאַליסטן מיט אזא פיבערישן אימפּעט צו דער נייער מלחמה.

דער קריזיס אנטפּלעקט דעם באַנקראָט פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם

דער איצטיגער קריזיס האָט אנטפּלעקט דעם בייזווילינן און פאַרברע-כערישן באַנקראָט פון קאַפּיטאַליזם. די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם איז נאָך אַלץ גוט גענוג פאַר די רייכע, זי איז אָבער שאַרף און אויסגעשפּראָכן געגן די אינטערעסן פון די ארבעטער, די פאַרמער און דער געזעלשאַפט בכלל. די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם וואָס איר עקזיסטענץ-בארעכטיגונג איז געווען באַגרינדעט אַף איר פעיאיגקייט צו אנטוויקלען אינדוסטריע און האנדל, איז אליין געוואָרן אן אָפּהאַלט פאַר דער ווייטערדיגער אנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט. דער קאַפּיטאַליזם איז מער ניט בכח צו באַזאָרגן די מערהייט פון דער האָרעפּאַשנער געזעלשאַפט פון דער וועלט ניט מיט ארבעט און ניט מיט שפּייז.

דאָ אין אמעריקע האָבן מיר אַלצדינג אַף צו באַזאָרגן יעדן איינעם, וואָס וויל און קאָן ארבעטן, מיט א געזונטן צופרידענעם לעבן. אָבער וואָס זעען מיר אין דער ווירקלעכקייט? דרייצן מיליאָן מענער און פרויען קאָנען ניט געפינען קיין באַשעפטיגונג. נאָך א צען מיליאָן זיינען בלויז טיילווייז באַשעפטיגט, מיליאָנען ארבעטער און פאַרמער שטאַרבן פון הונגער. זיי גייען אוים בוכשטעבלעך דערפאַר וואָס זיי האָבן ניט וואָס צו עסן. פאַרוואָס איז דאָס אזוי?

פעלט דען אוים שפּייז אין לאנד? ניין, פּונקט פאַרקערט. אין לאנד איז פאַראַן צופיל שפּייז און אנדערע לעבנס-מיטלען. ס'איז דאָ א סך איבעריגע סחורות פון יעדן מין, — צופיל ווייץ, צופיל פליייש, קליידער, שטאָל, מאשינען, עלעקטרישע קראַפט און אַלע אנדערע זאכן, וואָס זענען נויטיג אויף צו מאכן דאָס לעבן מעגלעך און גליקלעך. דער איצטיגער קריזיס איז ניט קיין קריזיס פון ווייניג פּראָדוקציע, נאָר פון צופיל, פון איבער-פּראָדוקציע. וואו-זשע איז דאָ די צרה? פאַרוואָס קענען מיר ניט הנאה האָבן פון די פּרוכט פון אונזער ארבעט? פאַרוואָס קענען מיר ניט שאַפן נאָך פּראָדוקטן פאַר אונזער געברויך אזוי ווי דאָס ווערט געטאָן אין סאָוועטן-פאַרבאנד?

אָט-דאָ אנטפּלעקט די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם איר גאנצן באַנקראָט. אָט דאָ ווייזט זי זיך ארוים ווי אן אָפּהאַלט און שטערונג פאַר דעם לעבן

און דער אנטוויקלונג פון דער געזעלשאפט. די קאפיטאליסטישע פראָדוקציאָנס-סיסטעם איז א סיסטעם ניט צוליב געברויך, נאָר צוליב פ ר אָ פ י ט, —פראָפיט פאר די קאפיטאליסטן, וואָס באזיצן און קאָנטראָלירן אלצדינג וואָס איז נויטיג פאר דער פראָדוקציע. קאפיטאליסטישע קאָנקורענטן, איינצעלנע און טראָסטס, אין דעם זעלביגן לאנד און צווישן די פארשידענע לענדער, פראָדוצירן סחורות פאר דעם וועלט-מארק אָן א טאָלק און אָן א פלאן. דער רעזולטאט איז א כאאָס, אן א נ א ר כ י ע אין דער פראָדוקציע, פונקט דער היפוך פון דעם סאָציאליזם אין סאָוועטן-פארבאנד, וואו די פראָדוקציע איז געבויט אף א פלאן און א טאָלק. דער קאפיטאליסטישער קלאס צאָלט די ארבעטער פאר זייער ארבעט-קראפט ווען יענע זיינען באשעפטיגט, ניט מער ווי ס'איז נויטיג, אף צו דערהאלטן זיך ביים לעבן און ברייגגען א נייעם דור אף דער וועלט. די לאנדווירטשאפט ווערט עקספלואטירט כדי צו פארגרעסערן די פראָפיטן פון די ספעקולאנטן און די ביינק. דער רעזולטאט איז, אז די ריזיגע מערהייט פון דער באפעלקערונג ווערט אלץ מער פאראָרעמט און עס ווערט אונטערגעגראָבן גראד דער מארק, פאר וועלכן דער קאפיטאליזם פראָדוצירט זיינע סחורות. ווידער איז דאָס דער היפוך פון דער סאָציאליסטישער סיסטעם אין סאָוועטן פארבאנד, וואו סחורות ווערן פראָדוצירט צוליב נוצן און ניט צוליב פראָפיט און וואו די נאָכפראגע אף סחורות און די פייאיגקייט פון די מאסן צו באפרידיגן זייערע באדערפענישן וואקסן מיט א ריזיגן אימפעט.

פריוואט באזיץ פון די פראָדוקציאָנס-מיטלען, אנארכיע אין דער פראָדוקציע און די קאפיטאליסטישע עקספלואטאציע פון די האָרעפאשנע מאסן, וואָס דאָס איז דער פונדאמענט פון דער קאפיטאליסטישער סיסטעם, פירן אומפארמיידלאך צו קריזיסן פון איבערפראָדוקציע. אזעלכע קריזיסן קומען פאָר פעריאָדיש, אומגעפער אלע זיבן אָדער צען יאָר. זינט דעם יאָר 1897 האָט די קאפיטאליסטישע סיסטעם אין די פאראייניגטע שטאטן דורכגעמאכט זעקס גרויסע קריזיסן חוץ א ריי ערנסטע דעפרעסיעס צווישן איין קריזיס און דעם צווייטן. די דאָזיגע פעריאָדישע אָדער ציקל-ארטיגע קריזיסן פון איבערפראָדוקציע, וואָס ברייגגען אומבאשרייבלעכע ליידן און יסורים צו די מאסן, זיינען אן אָרגאנישער טייל פון דער קאפיטאליסטישער סיסטעם.

אָבער דער איצטיגער פעריאָדישער קריזיס פון איבערפראָדוקציע איז דער ערנסטער פון אלע. קיין איין לאנד אין דער וועלט, מיט דער א ו י ס-נ אָ ם פון דעם סאָוועטן פארבאנד, איז ניט פריי פון דעם קריזיס, וואָס איז שוין איצט לענגער ווי וועלכער ניט איז פון די פריערדיגע קריזיסן און האלט אין איין ווערן טיפער און שארפער. די צאָל ארבעטלאָזע און די שטופע פון חורבן פון די מאסן האָבן צו זיך קיין גלייכן ניט אין דער געשיכטע פון קאפיטאליסטישע קריזיסן.

פארוואָס איז דאָס אזוי? ווייל דער איצטיגער עקאָנאָמישער קריזיס, וועלכער איז איינער פון די פילע פעריאָדישע קריזיסן אונטער'ן קאפיטאליזם, קומט פאָר אין א פעריאָד פון דער וועלט-געשיכטע ווען די קאפיטא-

ליסטישע סיסטעם, ווי א וועלט־סיסטעם, גייט אונטער.

די לעצטע אימפעריאליסטישע מלחמה פון 1914—1918 און די רע־וואָלוציעס וואָס זיינען געקומען נאָך דער מלחמה, האָבן דערלאנגט א טויט־קלאַפּ דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם. דער זיג פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד אין נאָוועמבער, 1917, האָט ארויסגעריסן פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט־סיסטעם א זעקסטל־חלק פון דער ערד, האָט ארויס־גענומען דאָס פריערדיגע רוסלאַנד מיט דער הונדערט און אכציג מיליאָניגער באַפעלקערונג פון דעם פעלד פון קאַפּיטאַליסטישער און אימפעריאליסטישער עקספּלואַטאַציע. אלע וויכטיגע קאָלאָניעס,—כינע, אינדיע, אפריקע, לאַ־טיינישע אמעריקע, וואָס דער שווייס און בלוט פון זייערע באַפעלקערונגען האָט גרעסער געמאַכט די פּראָפיטן פון די קאַפּיטאַליסטן און מעגלאך גע־מאַכט פאַר זיי אויפצוהאַלטן זייער פאַרברעכערישע הערשאַפט, — די אונ־טערדריקטע פעלקער פון די דאָזיגע קאָלאָניעס רעוואָלטירן געגן זייערע אונטערדריקער און פּלינדערער, זאָגן זיך אָפּ ווייטער זיך מקריב צו זיין אויף דעם מזבח פון דעם שטאַרבענדיגן און פוילענדיגן קאַפּיטאַליזם.

דער אגריקולטורעלער קריזיס און דער חורבן פון די פאַרמער ציט זיך שוין א יאָר צען און מאַכט נאָך שאַרפער דעם איצטיגן עקאָנאָמישן קריזיס. פון דער לעצטער מלחמה איז דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס פון די פאַר־אייניגטע שטאַטן ארויסגעקומען ווי די פירנדיגע קאַפּיטאַליסטישע מאַכט, וואָס קעמפט פאַר מאַרקן, קאָלאָניעס און אויבערהערשאַפט אין דער וועלט, ספּעציעל געגן איר הויפּט־קאָנקורענט, געגן דער אלטער אימפּעריאליסטישער מלוכה, גרויס־בריטאַניע (ענגלאַנד). דאָס שאַפט אָן אויפרודער אין דער אלוועלטלעכער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם, פאַרשאַרפט די פאַרשיידנאַר־טיגע קאָנקורענץ און געגנערשאַפט אין דער סיסטעם און מאַכט שנעלער דעם פּראָצעס פון איר אונטערגאַנג.

די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם האָט ניט באַוויזן צו דערהאָלן זיך פון דעם טויט־קלאַפּ, וואָס זי האָט געקראָגן דורך דער לעצטער אימפעריאַליס־טישער מלחמה און די רעוואָלוציעס, וואָס זענען ארויסגעוואַקסן פון דער מלחמה. אלץ וואָס די קאַפּיטאַליסטן זענען געווען בכח צו טאָן איז צו פאַרלאַטען דעם חורבן אויף א וויל דורך נאָך שטאַרקערער עקספּלואַטאַציע פון די ארבעטער און פאַרמער, דורך נאָך מער אונטערדריקן די קאָלאָניאַלע פעלקער און דורך פאַרשקלאַפן די פעלקער פון די לענדער (דייטשלאַנד, צום ביישפּיל), וועמעס הערשנדער קלאַס האָט פאַרלוירן די לעצטע מלחמה. די דאָזיגע אונטערדריקונגס־פּאָליטיק פון דער קאַפּיטאַליסטישער סטאַבילי־זאַציע האָט מעגלעך געמאַכט פאַר דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס אויף א וויל אָפּצעשטופּן דעם טאָג פון דעם ענדלעכן צוזאַמענבראָך פון דער סיסטעם. אָבער צו דער זעלבער צייט האָט די דאָזיגע פּאָליטיק אויך פאַרשנעלערט דעם איצטיגן קריזיס, מיטגעווירקט, אז דער קריזיס זאָל ווערן טיפער און שאַרפער און געפירט צו א שנעלערן אויפשטייג פון גרויסע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען אין די קאַפּיטאַליסטישע און קאָלאָניאַלע לענדער. דער איצ־טיגער קריזיס און די שטייגנדיגע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען מאַכן אזוי־

אַרום אַ סוף צו דער צייטווייליגער און אונטערגייענדיגער קאַפּיטאַליסטישער סטאַביליזאַציע.

דער סאָוועטן פאַרבאַנד אַנטפּלעקט די העכערע מעלות פון סאָציאַליזם אין פאַרגלייך מיט דעם קאַפּיטאַליזם

דער קריזיס אַנטפּלעקט די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם אין איר פולשטענדיגן באַנקראָט, אין איר אָפּגעלעבטקייט, אין איר פוילענש, וואָס פאַר'סמ'ט די לעבנס פון די מאַסן, וואָס שטערט דעם פּראָגרעס פון דער געזעלשאַפט און גרייט צו אַ נייע וועלט־שחיטה. דער סאָוועטן־פאַרבאַנד, פּונקט דער היפוך פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם, ווייזט דעם וועג צו אַ נייער אָרדנונג, צו דער סאָציאַליסטישער אָרדנונג, — אַ ה ע כ ע ר ע און ב ע ס ע ר ע סיסטעם וואָס איר איז באַשערט צו פאַרנעמען דעם אָרט פון דעם קאַפּיטאַליזם איבער דער גאַנצער וועלט.

עס קומט פאַר אַ שטרייט, אַן אַנטאַגאָניזם צווישן צוויי סאָציאַלע סיסטעמען. די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם גייט אונטער. די סאָציאַליסטישע סיסטעם גייט אויף. די גאַנצע וועלט איז צעטיילט איבער אָט־דעם פונדאַמענטאַלן שטרייט. אַלץ וואָס ציט פּראָפּיט פון קאַפּיטאַליזם און אימפּעריאַליזם; אַלץ וואָס איז רעאַקציאָנער, פויל און קאָרופּט, איז פאַראייניגט אויף צו ראַטעווען דעם אונטערגייענדיגן קאַפּיטאַליזם און אייַנהאַמעווען אָדער צעשמעטערן דעם וואַקסנדיגן סאָציאַליזם. אַלע עקספּלואַטירטע און אונטערדריקטע אין די קאַפּיטאַליסטישע און קאָלאָניאַלע לענדער; אַלע די, וואָס קעמפן פאַר אַ בעסערן און שענערן לעבן, פאַר אמת'ן פאָרשריט פון סאָציאַלן וואוקס, געגן מלחמה און פאַר ברידערשאַפט צווישן פעלקער, — זיי אַלע שטעלן זיך אויף דער זייט פון דעם רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער־קלאַס כדי אַרויסצושמייסן פון דער געשיכטע דעם עיפּוש'דיגן פּגר פון דעם שטאַרבענדיגן קאַפּיטאַליזם, כדי צו פאַרטיידיגן די סאָציאַליסטישע סיסטעם פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און איינצופירן די סאָציאַליסטישע סיסטעם איבער דער גאַנצער וועלט.

דער לאַגער פון דעם אונטערגייענדיגן קאַפּיטאַליזם, וואָס איז נאָך אַלץ מעכטיג און געפערלאַך, האָט ניט אויפגעהערט אויף קיין איין מינוט צו פירן אַן אומדערבאַרעמדיגע מלחמה געגן דעם לאַגער פון דעם אויפגייענדיגן סאָציאַליזם. די דאָזיגע שטענדיגע מלחמה פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט געגן דער סאָציאַליסטישער וועלט דריקט זיך אויס אין פאַרקלענערן שכירות, אין אַרבעטסלאָזיגקייט, אין חורבן פון די פאַרמער, אין לינטשערייען און פאַרפאָלגונגען געגן די נעגערן, אין פאַשיסטישע רעגירונגס־פאַרפאָלגונגען געגן אַרבעטער־ און פאַרמער־אָרגאַניזאַציעס, אין פאַרפאָלגונגען און דעפּאָרטאַציעס געגן פרעמד־געבאָרענע, אין אַטאַקעס אויף קאָלאָניאַלע פעלקער און אין עקאָנאָמישער מלחמה געגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווי אַן אָנהויב פון אַ ב א ו ו א ָ פ נ ט ע ר א י נ ט ע ר וו ע נ צ י ע.

דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס גרייט זיך צו אַ באַוואָפנטער מלחמה געגן סאָוועטן פאַרבאַנד. די קאַפּיטאַליסטן זענען געקומען צום שלום, ספּעציעל נאָך די פּראָצעסן פון די שעדיגער און מענשעוויקעס אין מאָסקווע,

אַז איננווייניג אין דעם סאָוועטן-פאַרבאנד איז ניטאָ קיין מאכט, וואָס זאָל זיין בכח אראָפּצוואַרפן די סאָוועט-רעגירונג. דעריבער גרייט זיך דער קאפיטאליסטישער קלאַס צו אַ מיליטערישער אינטער-ווענציע ווי זיין איינציג מיטל אויף צו ראטעווען דעם קאפיטאליזם דורך צע-שטערן דעם סאָציאליזם.

מלחמה איז די איינציגע קאַפּיטאַליסטישע לייזונג פון דעם קריזיס

דער קריזיס שטעלט אוועק פאַר די קאפּיטאליסטן פון יעדן לאנד די פראגע פון מלחמה אויף צו קריגן מארקן פאַר די איבעריגע סחורות.

דער וואוקס פון דעם סאָציאליזם אין סאָוועטן-פאַרבאנד און דער וואוקס פון די אנטי-קאפּיטאליסטישע רעוואָלוציאָנערע באוועגונגען אין די אימפּעריאַליסטישע און קאָלאָניאַלע לענדער שטעלט אוועק פאַר די קאַפּי-טאַליסטן פון אַלע לענדער די פראגע פון מיליטערישער אינ-טערווענציע קעגן סאָוועטן פאַרבאנד.

אָט דאָס איז די מלחמה-געפאַר,—אַ געפאַר וואָס איז אומפאַרמיידלאַך, שאַרף און נאָענט. דאָס איז די געפאַר וואָס דער קאָמוניסטישער אינטער-נאַציאָנאַל און זיינע פאַרשידענע סעקציעס פאָדערן אונז אויף צו באַקעמפן דעם ערשטן אויגוסט, אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן אנטי-מלחמה טאָג.

אין די פאַראייניגטע שטאַטן, אין דער אימפּעריאליסטישער מלחמה-פּאָליטיק פון „אונזער אייגענעם" הערשנדיגן קלאַס, איז די מלחמה-געפאַר באַזונדער אויסגעשפּראָכן. דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס פון די פאַראיי-ניגטע שטאַטן פירט דאָס אָן דעם קאַמף פאַר דער וועלט-באַהערשונג געגן דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס פון ענגלאַנד, וואָס האָט באַהערשט די וועלט פאַר דער לעצטער מלחמה און ווערט איצט אָן די דאָזיגע הערשאַפט, אָבער וויל זי ניט אויפגעבן מיט גוטן. די הואווער-רעגירונג און די קאַפּיטאַליס-טישע גרופּן וואָס שטיצן זי, זענען דאָס די אָנפירער פון דער עקאָנאָמישער מלחמה געגן סאָוועטן פאַרבאַנד, ווי אַ צוגרייטונג פאַר מיליטערישער אינ-טערווענציע.

מיליטערישע אינטערווענציע געגן סאָוועטן-פאַרבאַנד איז די גרעסטע געפאַר אין דעם איצטיגן מאָמענט. די אַלע שאַרפערע אימפּעריאַליסטישע קאָנקורענץ, ספּעציעל צווישן אַמעריקע און ענגלאַנד, וואָס איז באַזונדער שאַרף אין לאַטיינישער אַמעריקע, פירט אומפאַרמיידלאַך צו מלחמה און אָט-די פאַרשאַרפטע קאָנקורענץ מאַכט די געפאַר פון מיליטערישער אינ-טערווענציע געגן סאָוועטן-פאַרבאנד נאָך שאַרפער. פאַרוואָס איז דאָס אַזוי? ווייל וואָס נעענטער עס קומט צו דעם צוזאַמענשטויס צווישן די צוויי אימפּעריאַליסטישע רויבער, אַלץ מער פאַרשטאַרקט זיך ביי זיי דער פאַרלאַנג צו שליכטן זייער שטרייט צייטווייליג אויף דעם חשבון פון סאָוועטן-פאַרבאנד און די האַרעפּאַשנע מאַסן פון זייערע אייגענע לענדער און פון די קאָלאָניעס.

די מיסיע פון סטימסאָנ'ען און מעלאָנ'ען אין אייראָפּע איז אַ מלחמה-

מיסיע. דאָס איז א מיסיע הויפּטזעכלעך צו פאַראייניגן די אייראָפּיי־אישע קאַפּיטאַליסטישע לענדער געגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

— 2. —

די מלחמה־געפאַר און די קאַפּיטאַליסטישע אַטאַקע געגן די אַרבעטער

ס'איז פאַר אונז וויכטיג צו פאַרשטיין, אז די מלחמה־געפאַר, באַזונדער די געפאַר פון מיליטערישער אינטערווענציע געגן דעם סאָוועטן פאַרבאַנד, איז די גרעסטע געפאַר וואָס שטייט פאַר די אַרבעטער און אונטערדריקטע מאַסן איבער דער גאַנצער וועלט. דאָס איז ניט קיין איבערטרייבונג. עס איז בוכשטעבלעך אמת, אז דער וואוילזיין און די צוקונפט, דאָס סאמע שטיקל ברויט פון די אַרבעטער אין אַמעריקע און אין אַנדערע קאַפּיטאַליס־טישע לענדער זיינען אין געפאַר צוליב דער געפּלאַנטער אינטערווענציע געגן סאָוועטן פאַרבאַנד.

דער גורל פון סאָוועטן פאַרבאַנד איז אויך דער גורל פון אַמעריקאַנער אַרבעטער־קלאַס.

דער סאָוועטן פאַרבאַנד איז אונזער סאָוועטן פאַרבאַנד. דער סאָוועטן פאַרבאַנד—דאָס זיינען מיר אליין. וואָס עס טרעפט דעם סאָוועטן פאַר־באַנד, טרעפט אונז. היינט צו טאָג איז דאָס די איינציגע אמת'ע היים, דאָס איינציג פאָטערלאַנד, וואָס די אַרבעטער פון דער גאַנצער וועלט פאַר־מאָגן,—ווייל דער סאָוועטן פאַרבאַנד איז דאָס לאַנד וואָס געהערט צו די אַרבעטער און ווערט געפירט פון די אַרבעטער. ווייל אין סאָוועטן פאַרבאַנד ווערט געבויט דער סאָציאַליזם און ס'איז שוין דאָרט אוועקגעלייגט דער פונדאַמענט פאַר דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט.

אָט די נייע וועלט, פריי פון קאַפּיטאַליסטישער הערשאַפט און פון די צרות, וואָס נעמען זיך פון קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע—צי ווערט זי געבויט בלויז פאַר די מאַסן וואָס באַפעלקערן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד? איז דאָס בלויז פאַר זיי? ניין, ס'איז אויך פאַר אונז. דער סאָציאַליסטי־שער אויפבוי אין סאָוועטן פאַרבאַנד ווייזט אונז דעם וועג צו סאָציאַליזם און העלפט אונז דערגרייכן דעם ציל שנעלער און מיט מער זיכערקייט.

אָבער דאָס איז ניט אַלץ. די עקזיסטענץ פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד מיט א רעגירונג פון אַרבעטער־קלאַס, וואָס בויט דעם סאָציאַליזם, פאַר־שנעלערט די מפלה פון דעם קאַפּיטאַליזם. מיט זיין סאמע קיום פאַרקירצט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד די צייט פון ליידן און יסורים, וואָס די מאַסן איבער דער גאַנצער וועלט מוזן דורכמאַכן צוליב דעם ווידערשטאַנד פון דער שטאַר־בענדיגער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם.

מער פאַר אַלץ מוזן מיר קלאָר פאַרשטיין אָט־וואָס: אז די קאַפּיטא־ליסטישע מלחמה־אינטערווענציע געגן דעם סאָוועטן פאַרבאַנד ווערט צו־געגרייט ווי א מיטל צו ראַטעווען דעם קאַפּיטאַליזם. דאָס מיינט, אז מילי־טערישע אינטערווענציע דאַרף ראַטעווען די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם, די

סיסטעם פון הונגער, די צעפוילטע סיסטעם פון ארבעטלאָזיגקייט, פון לוין־פארקלענערונגען, פון גאז־באָמבעס און קוילן פאר די סטרייקער, פון לינטשעריי פאר נעגערן, פון פארפאָלגונגען און דעפּאָרטאציעס פאר די פרעמד־געבאָרענע, פון קאָלאָניאַלער אונטערדריקונג און אַלוועלטלעכער שחיטה פאר מיליאָנען ארבעטער און פויערים דורך נייע אימפעריאליסטישע מלחמות. דאָס איז דער ציל און די באדייטונג פון מיליטערישער אינטערווענציע געגן דעם לאנד, וואָס בויט דעם סאָציאליזם. וואָס מוז זיין אונזער ענטפער? פארטיידיגן דעם סאָוועטן־פארבאנד; פארוואנדלען די מיליטערישע אינטערווענציע געגן סאָוועטן־פארבאנד אין א מלחמה געגן קאפיטאליזם; פארוואנדלען דאָס אין א געלעגנהייט פאר דעם אמעריקאנעם ארבעטער־קלאס און פאר אלע וואָס ליידן און בלוטיגן אונטער דעם קנאפל פון אמעריקאנער קאפיטאליזם אומצעווארפן די הערשאפט פון דער קאפיטאליסטישער דיקטאטור און צו עטאבלירן די דיקטאטור פון פראָלעטאריאט.

די קאפּיטאַליסטישע לייזונג פון דעם קריזים

מלחמה און מיליטערישע אינטערווענציע—דאָס איז דער קאפיטאליסטישער אויסוועג פון דעם קריזים. דער איצטיגער מערדערלעכער אָנגריף אף די לעבנס־סטאנדארדס פון דעם ארבעטער־קלאס און פון די עקספּלואטירטע פארמער איז א צווייטער קאפיטאליסטישער אויסוועג פון דעם קריזים. שווערער מאכן דעם יאָך פון די קאָלאָניאלע פעלקער, צווינגען זיי צו צאָלן גרעסערע ציגזן צו זייערע אימפעריאליסטישע באהערשער—דאָס איז א דריטער קאפיטאליסטישער אויסוועג פון דעם קריזים.

אָט־די דריי אויסוועגן פון דעם קריזים זיינען אין דער אמת'ן דריי סטעזשקעס פון דעם זעלביגן וועג. און דער וועג איז—צו צווינגען די הארעפאשנע מאסן פון דער וועלט צו צאָלן פאר'ן קריזים כדי צו ראטעווען די קאפיטאליסטישע סיסטעם. טראכט זיך אריין און איר וועט פארשטיין אז דערמיט וואָס דרייצן מיליאָן ארבעטער אין אמעריקע ווערן ארויסגעוואָרפן פון די פאבריקן; דערמיט וואָס עס ווערן איבער'ן גאנצן לאנד געשניטן די שכירות פון די ארבעטער אין אלע אינדוסטריען; דערמיט וואָס עס ווערט געפירט א קאמפיין צו „באשריינקען" די פארם־פּראָדוקציע אנשטאט צו העלפן די הונגעריגע פארמער,—אז דורך די אלע אטאקעס אף דעם לעבנס־סטאנדארד פון די האָרעפּאשנע מאסן אין אמעריקע ווערט פארפאָלגט איין ציל: צו צווינגען די מאסן צו צאָלן פאר'ן קריזים, צו באשיצן די פּראָפיטן פון דעם קאפיטאליזם, צו ראטעווען די קאפיטאליסטישע סיסטעם.

און וואָס איז דער ציל פון דער מיליטערישער אינטערווענציע, וואָס הוווער און קאָמפּאני גרייטן צו געגן דעם סאָוועטן פארבאנד? ס'איז דער זעלביגער ציל: אומצואווארפן די ארבעטער־רעגירונג, אָפּשניידן די רייכסטע טיילן פון לאנד,—קאווקאז, אוקראינע,—און צעטיילן זיי צווישן די פירנדע אימפעריאליסטישע לענדער אויף צו באזאָרגן זיי מיט פרישע קוואלן פון פּראָפיט און אזוי ארום צו לינדערן אף א ווייל דעם קאמף צווישן זיי וועגן אויבערהערשאפט אין לאטיינישער אמעריקע אָדער כינע. דער ציל פון דער מיליטערישער אינטערווענציע איז צוריקצוגעבן די מאכט צו דער רעאק־

ציאנערער און קארופטער באנדע מאנארכיסטישע בראדיאגעס, פריצים און קאפיטאליסטן כדי זיי זאלן דריקן די מאסן פון סאוועטן־פארבאנד ביז צום טויט אף צו שאפן פראפיטן פאר די אינטערנאציאנאלע באנקירן און ספע־קולאנטן. מיט אנדערע ווערטער, דער ציל פון דער מיליטערישער אינטער־ווענציע געגן סאוועטן־פארבאנד איז צו צווינגען די הארעפאשנע מאסן אויסצושטיין דעם קאסט פון דעם קאפיטאליסטישן קריזיס, צו צעשטערן די פעסטונג פון סאציאליזם, פון דער באפרייאונג פון ארבעטער־קלאס כדי צו ראטעווען די שטארבנדיגע קאפיטאליסטישע סיסטעם.

דעם זעלבינן ציל שטעלט זיך די אימפעריאליסטישע אפענסיווע געגן די קאלאניעס. פארוואס שטיצט די הואווער־רעגירונג, די רעגירונג פון דעם אמעריקאנער קאפיטאליסטישן קלאס, די בלוטיגע באנדע פון טשאנג־קאי־שעק פון בינע מיט געלט (אף העלפן די ארבעטלאזע קלעקט ניט קיין געלט), אמוניציע, מארינס און קריגס־שיפן? די הואווער רעגירונג טוט דאס כדי צו דערשטיקן די אנטי־אימפעריאליסטישע רעוואלוציע פון די בינעזישע ארבעטער און פויערים, וואס האט שוין איינגעפירט די סאוועטישע רעגירונגס־סיסטעם איבער א גרויסער טעריטאריע. די אמעריקאנער רעגירונג שטיצט טשיאנג קאי־שעק'ן כדי צו ראטעווען בינע פאר קאפיטאליסטישער עקספלואטאציע, צו צווינגען די בינעזישע הארעפאשניקעס ביי־צוטראגן זייער חלק שוויים און בלוט פאר דעם קאפי־הארעפאשניקעס בייצוטראגן זייער חלק שוויים און בלוט פאר דעם קאפי־טאליסטישן קריזיס. און פארוואס טעראריזירן און מארדן די אמעריקאנער מארינס די ארבעטער און פויערים אין ניקאראגוא? פארוואס באוואכן די אמעריקאנער קריג־שיפן די ברעגן פון האנדוראס און אלע אנדערע קארי־בייער לענדער, גרייט אפ'ן ערשטן סיגנאל צו לאנדן סאלדאטן און מארינען אדער צו באמבארדירן יענע לענדער? פארוואס שטיצט די אמעריקאנער רעגירונג די בלוטיגע הערשאפט פון מאטשאדא אין קובא? וואס טוען די אמעריקאנער מארינס אין האיטי געגן דעם אויסגעשפראכענעם ווילן פון דער אומגעהויערער מערהייט פון דער באפעלקערונג? פארוואס פירט אן דער אמעריקאנער אימפעריאליזם א קאמפיין פון טעראר געגן די מאסן אין די פיליפינען? ס'איז די זעלביגע געשיכטע: צו צווינגען די קאלאניאלע מאסן צו צאלן פאר דעם קריזיס, צווינגען זיי צו פארגרעסערן זייערע צינזן, זיי אויסהונגערן נאך מער ווי ביז איצט כדי צו ראטעווען דעם קאפיטאליזם אין די פאראייניגטע שטאטן פון צוזאמענבראך.

אימפעריאליסטישע מלחמה, מיליטערישע אינטערווענציע געגן סאוועטן פארבאנד און די אפענסיווע געגן די הארעפאשנע מאסן אין די קאפיטא־ליסטישע און קאלאניאלע לענדער,—דאס אלץ גייט האנט אין האנט ווי דער קאפיטאליסטישער אויסוועג פון דעם קריזיס.

די קאפיטאליסטישע אפענסיווע געגן דעם ארבעטער־קלאס

דער קראך פון דער ספעקולאנטישער ארגיע אף וואל סטריט אין 1929 האט געבראכט דעם עקאנאמישן קריזיס אין די פאראייניגטע שטאטן און אין אנדערע אימפעריאליסטישע און קאלאניאלע לענדער. די אינדוסטריע

האָט אָנגעהויבן גיין לאַנגזאַמער, די פּרייזן אין גרויס־פאַרקויף האָבן אָנגעהויבן פאַלן שנעלער. ווען די קאַפּיטאַליסטן האָבן דערזען, אַז די פּראָדוקציע קאָן ניט אָנגעפירט ווערן אױף דעם פריערדיגן מאַסשטאַב און לויט די פּ ר י ע ר ד י ג ע פּראָפיט־נאָרמען האָבן זיי גענומען נאָך מער באַגרעניצן די פּראָדוקציע. דער רעזולטאַט היינט־צו טאָג איז—דרייצן מיליאָן איינגאַנצן אומבאַשעפטיגטע אַרבעטער און אַ ווייטערדיגע פאַרגרעסערונג פון דער אַרבעטלאָזיגקייט. ניט פּראָפיטן, נאָר שכירות וועלן צאָלן פאַר דעם קריזיס,—אַזוי האָבן באַפוילן די קאַפּיטאַליסטן בשותפות מיט די פירער פון דער אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר און פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. דורך אַטאַקעס אױף דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע, אױף דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און דער טרייד־יוניאָן יוניטי ליג, וואָס פירן אָן דעם קאַמף געגן דער קאַפּיטאַליסטישער אָפענסיווע, העלפן די „לינקע״ פּייקערס, מאַסטי און קאָמפּאַני, דורכצופירן דעם קאַפּיטאַליסטישן פּלאַן. די פאַרעטער פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג פון לאָווסטאָנ׳ס און קענאָנ׳ס חדר זיינען געוואָרן בלויז די געצייג אין די הענט פון די „לינקע״ מאַסטי פּייקערס.

דורך אַרויסוואַרפן דרייצן מיליאָן אַרבעטער פון באַשעפטיגונג, דורך אַריבערפירן נאָך אַ צען מיליאָן אַרבעטער צו טיילווייזער באַשעפטיגונג און דורך סיסטעמאַטישער פאַרקלענערונג פון שכירות האָבן די קאַפּיטאַליסטן פון די פאַראייניגטע שטאַטן זיך איינגעשפּאָרט אין ניט־געצאָלטע שכירות די ריזיגע סומע פון איבער צוועלף ביליאָן דאָלאַר אין דעם יאָר 1930 און דריי ביליאָן דאָלאַר אין דעם ערשטן פערטל יאָר פון 1931. די דאָזיגע ציפערן קומען פון די אָפיציעלע באַריכטן פון דער אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר, וואָס אירע פירער האָבן צוזאַמען מיט הואווער׳ן און די באַלעבאַטים געמאַכט אַ פאַרשווערונג צו שניידן שכירות. מען קען דעריבער ניט דערוואַרטן אַז זייערע באַריכטן זאָלן אָנגעבן די פולע סומע וואָס די קאַפּיטאַליסטן האָבן אַ וו ע ק ג ע ר ו י ב ט ביי דעם אַרבעטער־קלאַס פון יאַנואַר 1930 ביז מאַי 1931.

די אָנגעגעבענע ריזיגע סומען האָבן די קאַפּיטאַליסטן זיך איינגעשפּאָרט בלויז דורך אָפּלייגן אַרבעטער און שניידן זייערע שכירות. די סומע פון פופצן ביליאָן דאָלאַר נעמט, פאַרשטייט זיך, ניט אַריין די געלדער וואָס די קאַפּיטאַליסטן האָבן אַוועקגערויבט ביי די באַשעפטיגטע אַרבעטער אין דעם פּראָצעס פון אַרויסציען פּראָפיטן.

די מערהייט פון דעם אַרבעטער־קלאַס אין די פאַראייניגטע שטאַטן—דאָס „רייכסטע לאַנד אין דער וועלט״—הונגערט. מיליאָנען אַרבעטער און זייערע פאַמיליעס שטאַרבן מיט אַ לאַנגזאַמען הונגער־טויט. רעגירונגס־הילף פאַר די אַרבעטלאָזע, מצד דער פעדעראַלער אָדער די סטייט רעגירונגען, עקזיסטירט גאָרנישט. קיין פאַרזיכערונג געגן אַרבעטלאָזיקייט—אויך נישט. פאַר די דאָזיגע פאָדערונגען קעמפן דאָס די אַרבעטלאָזע און באַשעפטיגטע אַרבעטער אונטער דער פירערשאַפט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אָבער וואָס טוט דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס? וואָס טוט זיין רעגירונג? זיי

מאכן די ארבעטער צו צאָלן פאר דעם קריזיס. זיי פארשפארן אין טורמעס די ארבעטלאָזע און זייערע קאָמוניסטישע פירער דערפאר וואס יענע פאָדערן געהעריגע הילף, זיי ענטפערן אף די דאָזיגע פאָדערונגען פון די מאסן מיט פאָליציי-שטעקנס, מיט קוילן, גאַז־באָמבעס און דעפּאָרטאציע; זיי לינטשן נעגערן געזעצלאך, ווי זיי האָבן זיך פארמאָסטן דאס צו טאָן אין סקאָטס־באָרא, און אומגעזעצלעך; זיי בארויבן און מאָרדן די בינעזער און די באַ־פעלקערונגען פון לאטיינישער אמעריקע; זיי פירן אָן עקאָנאָמישע מלחמה און גרייטן צו א מיליטערישע אינטערווענציע געגן סאָוועטן־פארבאנד.

שניידן שכירות איז נאָך א מיטל אף צו מאכן דעם ארבעטער־קלאס צו צאָלן פאר דעם קריזיס. הואווער האָט עס זייער פלינק איינגעאָרדנט מיט די פירער פון דער אמעריקאן פעדערייישאָן אָוו לייבאָר, גרין, וואָל און קאָמפּאני: די קאפיטאליסטן וועלן שניידן שכירות און די פירער פון דער אמעריקאן פעדערייישאָן אָוו לייבאָר וועלן אכטונג געבן, אז עס זאָל ניט זיין קיין סטרייקס געגן שניידן שכירות. ביידע צדדים האָבן געווויסנהאפט דורכגעפירט דעם אָפּמאַך.

דעם פולן פארנעם פון די שרעקלעכע לוין־פארקלענערונגען, וואָס זיינען דורכגעפירט געוואָרן מיט׳ן אָנהויב פון קריזיס, דעם פולן פארנעם פון די ליידן וואָס דאס האָט געשאפן פאר די ארבעטער—דאָס ווייסן די ארבעטער אַליין בעסער ווי ווער ס׳ניט איז. די אָפיציעלע סטאטיסטיק דערציילט אפילו ניט קיין האלב פון דער געשיכטע. פונדעסטוועגן דארפן דאָ אָנגע־געבן ווערן איינציגע ציפערן. מיר נעמען זיי פון דעם מאי־באריכט פון דער „ביוראָ אָוו לייבאָר סטאטיסטיקס”. מיר געפינען דאָרטן אויס, אז צווישן מערץ 1930 און מערץ 1931 איז דער וועכנטלעכער פארדינסט פער ארבע־טער אין די פאבריקאנט־אינדוסטריען געפאלן אויף 9.4 פראָצענט; אין דער הארטער קוילן־אינדוסטריע — אויף 9.2 פראָצענט; אין דער ווייכער קוילן־אינדוסטריע אף 16.2 פראָצ.; אין מעטאל־מייִנינג—16.8 פראָצ.; אין ניט־מעטאלישער מייִנינג—13.8 פראָצ., און אזוי כסדר.

מיר זאָגן נאָכאמאָל: דאָס דערציילט בלויז א קליינעם טייל פון דער געשיכטע, ווי מען קאָן אורטיילן פון א קלייִנער מעלדונג אין „דיילי וואָיר־קער” וועגן די סיבות פון דעם מייִנער סטרייק אין וועסט פענסילוויייניע. דאָרט געפינען מיר אויס, אז א מייִנער, וואָס איז באשעפטיגט אין דער „פיטסבורג טוירמינעל קאָול קאָמפּאני” האָט אין צוויי וואָכן פארדינט $25.47. פון דער דאָזיגער סומע האָט די קאָמפּאני אָבער ארונטערגענומען פאר שמיד־ארבעט, אויפרייס־שטאָפן, דאָקטאָר, אינשורענס, באָד און עסנ־ווארג פונקט די סומע פון $25.47. דער מייִנער האָט ניט געקראָגן קיין סענט געלט.

פארגלייכט דאָס מיט די פּראָפיט פארגרעסערונגען. זאָל הואווער׳ס געהילף, דר. קליין, עדות זאָגן אין דער פראגע. געגן זיין ווילן איז ער גע־צוואונגען צוצוגעבן אז „אין דעם פּעריאָד 1921 ביז 1929 זענען די פאר־דינסטן פון די אינדוסטריאליסטן געשטיגן אויף 62 פּראָצענט, און די דיווי־

דענס אַף אינדוסטריעלע און אייזנבאַן סטאָקס זענען געשטיגן אויף 256 פּראָצענט".

די קאַפּיטאַליסטישע רעאַקציע און די געגן־אָפענסיווע פון די אַרבעטער

צי נעמט דער ארבעטער־קלאַס אָן די אומדערבארעמדיגע אטאקע אויף זיין לעבנס־סטאנדארד און די אימפּעריאַליסטישע צוגרייטונגען צו מלחמה און מיליטערישער אינטערווענציע אָן אַ קאַמף? ניין. די ארבעטער שלאָגן אַף צוריק. זיי זיינען געצוואונגען צו קעמפן און אָפּצושלאָגן די אטאקעס מיט דער גאנצער אגרעסיווקייט און קראפט וואָס זיי פארמאָגן. אין איי־ניגע לענדער, ווי דייטשלאַנד און פּוילן, וואו דער קריזיס און די רעוואָלו־ציאָנערע באוועגונג זיינען אַף אַ מער אנטוויקלטער שטופע, אנטוויקלט דער ארבעטער־קלאַס אַ קאָנטר־אָפּענסיווע און גרייט זיך צו קאַמף פאר מאַכט.

דער ארבעטער־קלאַס פון די פאראייניגטע שטאַטן שלאָגט אויך אַף צוריק. מיר זעען דאָס אין די מיליטאַנטע קאמפן פון די ארבעטלאָזע, אין דעם קאַמף געגן לינטשערייען אַף נעגערן און דעפּאָרטאציעס פון פרעמד־געבוירענע, און די פּראָטעסטן געגן דער אונטערדריקונג פון קאָלאָניאַלע פעלקער, ספּעציעל אין די קאַריבייער לענדער, מצד דעם אמעריקאנעם אימ־פּעריאַליזם און אין דער אנטוויקלונג פון ברייט־פארשפּרייטע קאמפן געגן שניידן שכירות.

אַף דעם פארגרעסערטן ווידערשטאנד פון די מאַסן ענטפערט דער קאַפּי־טאַליסטישער קלאַס מיט מער רעאַקציע און פארפאָלגונגען. דער קאַפּיטאַ־ליסטישער קלאַס און זיין רעגירונג נעמען אָן אַלץ אָפטער די מעטאָדן פון אָפענער דיקטאַטור, פאשיסטישע מעטאָדן פון הערשאפט, אַף צו אונטערדריקן די ארבעטער און זייער באוועגונג. די הערשנדיגע קאַפּי־טאַליסטישע דעמאָקראַטיע איז ניט מער ווי אַ דיקטאַטור פון דעם קאַפּי־טאַליסטישן קלאַס, נאָר זי באהאַלט איר אמת'ע טבע כדי אָפּצונאַרן די מאַסן. אָבער מיט דער פארשארפונג פון דעם קאַמף ווארפט דער קאַפּיטאַ־ליסטישער קלאַס אַוועק זיינע אָנשטעלן און פארבלענדענישן און אנטפּלעקט זיין דיקטאַטור אין איר גאנצער ברוטאַליטעט.

אין זיינע צוגרייטונגען צו צעשמעטערן יעדן ווידערשטאנד געגן מלחמה און מיליטערישער אינטערווענציע וועט דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס פון די פאראייניגטע שטאַטן אָפן און ברוטאַל אנטפּלעקן זיין דיקטאַטור אין לאַנד. די רעאַקציאָנערע, פאשיסטישע און מלחמה רעקאָמענדאַציעס פון דער שענדלעכער פיש־קאָמיטע ווערן דורכגעפירט אין לעבן אַף אַ דיקטאַטאָרישן שטייגער.

דער אַמעריקאנער ארבעטער קלאַס וועט זיך ניט לאָזן טעראָריזירן און צוימען דורך דער קאַפּיטאַליסטישער רעאַקציע. דאָס ווערט אויפ'ס ניי באַ־שטעטיגט דורך דעם גרויסן סטרייק פון די קוילן־מיינערס, וואָס צוזאַמען מיט זייערע ווייבער און קינדער פירן זיי אַ קאַמף געגן הונגער ווי סאָלדאַטן אין אַ שלאַכט, און פארטיידיגן זיך פון די אטאקעס פון די סטייט־קאָזאַקן

אין פענסילווייניע און פון די קאמפאני־גענגסטערס. די גרויסע געפאר אין די קאמפן וואס ווערן אנטוויקלט געגן דער קאפיטאליסטישער אפענסיווע באשטייט אין דער דעמאגאגיע און פאראט פון די פירער פון דער אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר, וועלכע ווערן געשטיצט פון דער סאציאליסטישער פארטיי. אט די פארשוינען מוזן באזונדער באקעמפט ווערן ווי שונאים און פארעטער אין אונזערע רייען.

די קאפיטאליסטישע אפענסיווע געגן דעם ארבעטער־קלאס איז גע־ריכטעט צו דעם זעלבינן ציל ווי די קאפיטאליסטישע אפענסיווע געגן סא־וועטן פארבאנד. דערבער מוז די קאנטער־אפענסיווע פון דעם ארבעטער־קלאס זיין געריכטעט געגן מיליטערישער אינטערווענציע און פאר דער פאר־טיידיגונג פון סאוועטן־פארבאנד.

.3

צוגרייטונגען פאר אימפעריאליסטישער מלחמה און מי־ליטערישער אינטערווענציע אין סאוועטן פארבאנד

די קאפיטאליסטן גייען אן אלץ גרינדלעכער און האסטיגער מיט זייערע צוגרייטונגען פאר דער קומענדער אימפעריאליסטישער מלחמה און ספעציעל פאר דער מיליטערישער אינטערווענציע געגן סאוועטן־פארבאנד. די אלע רייד פון די קאפיטאליסטן און זייערע משרתים וועגן שטעלן מלחמה „אויסער געזעץ" און וועגן „פארקלענערן" באוואפנונגען זענען ניט מער ווי א ש י ר מ ע אף צו פארשטעלן די אמת'ע מלחמה־צוגרייטונגען.

לענינ׳ס לערע וועגן דעם ווי אזוי אימפעריאליסטן גרייטן צו מלחמה

לענין לערנט אונז, אז אימפעריאליסטישע מלחמה איז ניט קיין צופאל נאר איז אן ארגאנישער טייל פון דער קאפיטאליסטישער סיסטעם. לענין האט געזאגט:

„מלחמה איז ניט קיין צופאל און אויך ניט קיין „זינד", ווי עס דוינקען די קריסטלעכע גלחים, נאר אן אומפארמיידלעכע שטופע פון קאפי־טאליזם. מלחמה איז פונקט אזא געזעצלעך־בארעכטיגטער טייל פון קאפי־טאליסטישן לעבן ווי פרידן".

מלחמה איז די פארזעצונג פון די טעגלעכע קאמפן און קאנקורענצן צווישן די קאפיטאליסטישע מלוכות וועגן פארכאפן און באהערשן מארקן און קאלאניעס, נאר א ר י ב ע ר ג ע פ י ר ט אף דעם פעלד פון באוואפנטן קאמף. וואס איז די באדייטונג פון די פארהעלטענישן און פארהאנדלונגען צווישן די קאפיטאליסטישע מלוכות זינט דעם שענדלעכן ווערסאלער אפמאך, וואס האט געשלאסן די „לעצטע" מלחמה, אויב ניט א שטענדיגער קאמף פאר גינסטיגע פאזיציעס אין דער צוגרייטונג פאר דעם קומענדיגן ב א ו ו א־פ ע נ ט ן צ ו ז א מ ע נ ש ט ו י ס?

די טאריף מלחמה צווישן די פארשידענע אימפעריאליסטישע מלוכות איז קיינמאל ניט געווען אזוי שארף ווי איצט. יעדע אימפעריאליסטישע מלוכה פארמעסט זיך אויפצושטעלן א טאריף־וואנט ארום אירע גרעניצן,

כדי ניט ארייננצולאזן די סחורות פון אירע קאנקורענטן, און פארמעסט זיך צו דער זעלבער צייט ארונטערצורייסן די טאריף־ווענט פון אירע געגנער. דאס איז די פאליטיק פון יעדער אימפעריאליסטישער מלוכה. די דאזיגע פאליטיק איז א פארזעצונג פון דער מלחמה 1914—1918. דער קאמף איז פאר מארקן און קאלאניעס און איז די פארשפיל צו דער נייער מלחמה. קאפיטאליזם האלט פון אומבאגרענעצטער עקאנאמישער מלחמה צווישן די היימישע קאפיטאליסטן פון יעדן לאנד באזונדער און צווישן די קאפיטאליסטן פון די פארשידענע לענדער. דער קאפיטאליסטישער קלאס פון די פאראייניגטע שטאטן שטייט אין פאראויס אין די מלחמה־צוגרייטונגען אף אוועקצונעמען די וועלט־איבערהערשאפט פון ענגלאנד און אפן געביט פון פירן די אימפעריאליסטישע מלוכות אין דער אטאקע געגן סאוועטן פארבאנד.

די שטענדיגע און אויסגעהאלטענע שלום־פאליטיק פון דעם סאוועטן פארבאנד איז גוט באוואוסט, פונקט ווי ס'איז באוואוסט די שטענדיגע אנטשלאסנהייט פון די סאוועטישע הארעפאשנע מאסן צו פארטיידיגן דאס סאציאליסטישע פאטערלאנד פון דעם וועלט־פראלעטאריאט געגן אלע אימפעריאליסטישע אטאקעס. אין איינקלאנג מיט זיין פרידלעכער פאליטיק האט דער סאוועטן פארבאנד קלאר געמאכט צו דער „קאמיסיע פון דער פעלקער־ליג וועגן באשאפן א אייראפייאישן בונד“ זיין שטעלונג אין דער פראגע פון עקאנאמישער מלחמה צווישן פארשיידענע מלוכות און האט פארגעשלאגן „די פולשטענדיגע אויפהערונג פון אלע פארמען פון עקאנאמישן אנגריף“. מאקסים ליטווינאוו, ריידנדיג פאר דעם סאוועטן פארבאנד, האט ארויסגערופן די קאפיטאליסטישע מלוכות אונטערצושרייבן מיט דעם סאוועטן פארבאנד א פראטאקאל לויט וועלכן

> די צדדים פארפליכטן זיך ניט אנצונעמען אין זייערע פארהעלטענישן איינער מיטן אנדערן קיין שום דיסקרימינאציעס און צו באטראכטן, אז ווען אין וועלכע ס'ניט איז פון זייערע לענדער ווערט גענומען א ספעציעלע שטעלונג וואס קעמפט געגן די אינטערעסן פון וועלכע ס'ניט איז פון די לענדער, וועלכע האבן אונטערגעשריבן דעם דאזיגן פראטאקאל, איז אזא שטעלונג אין ווידערשפרוך מיט די פרינציפן פון דעם פראטאקאל.

בריאן, הענדערסאן און קאמפאני האבן ניט געוואגט אפצעווארפן דעם דאזיגן פארשלאג אף אן אפענעם שטייגער. זיי האבן אים אבער פארווארפן אין דער ווירקלעכקייט. דערמיט האבן זיי נאכאמאל באוויזן אז אומבאגרעניצטע עקאנאמישע מלחמה, וואס פירט אומפארמיידלאך צו באוואפנטער מלחמה, איז אן ארגאנישער טייל פון דער קאפיטאליסטישער סיסטעם.

די הוואוער־אימפעריאליסטן זיינען די אנפירער אין דעם קאמף געגן סאוועטן פארבאנד

די איצטיגע מיסיע פון די אמעריקאנער מיניסטארן, סטימסאן און מעלאן, איז א מלחמה־מיסיע. זי האט צו טאן באזונדער מיט פאראייניגן די קאפיטאליסטישע מלוכות פאר מער אינטענסיווער עקאנאמישער מלחמה געגן סאוועטן־פארבאנד ווי א פארברייטונג צו דער מיליטערישער אינטערווענציע.

די קאַפּיטאַליסטן אין די פאַראייניגטע שטאַטן נעמען אַף זיך די פירער־שאַפט אין דעם קאַמף געגן סאָוועטן פאַרבאַנד, כדי צו באַפרייען די וועלט פון דער סאָציאַליסטישער „געפאַר" און צו שליכטן זייערע אַנטאַגאָניזמען מיט ענגלאַנד און אַנדערע אייראָפּייאישע מלוכות אַף דעם חשבון פון די אַרבעטער און פּויערים פון סאָוועטן־פאַרבאַנד.

די „באַבסאָן סטאַטיסטיקאַל אָרגאַניזיישאָן", אַן אינפאָרמאַציאָנס־אַגענטור פון גרויס־קאַפּיטאַל, דערקלערט וועגן דער פראַגע דאָס פאָלגנדיגע:

„הינטער אַלע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע צרות, וואָס רודערן אויף אייראָפּע היינט־צו־טאָג ווערט די סצענע צוגעגרייט פאַר א גיי־גאַנטישן קאָנפליקט" (אונטערשטראָכן פון א. ב.) וואָס וועט דאָס זיין פאַר א קאָנפליקט? ס'וועט זיין א קאָנפליקט צווישן קאַפּיטאַליזם און קאָמוניזם. דער סאָוועטן פאַרבאַנד, פאַרשטייט זיך, פאַרטרעט דעם קאָמוניזם. אָבער ווער וועלן זיין די פאַרטרעטער און אָנפירער פון דעם קאַפּיטאַליזם אין דעם דאָזיגן קאָנפליקט? הערט וואָס באַבסאָן זאָגט:

„אונזער לאַנד (די פאַראייניגטע שטאַטן—א. ב.) איז איצט די שטאַרקסטע פעסטונג פון וועלט־קאַפּיטאַליזם, און צוזאַמען מיט פראַנקרייך קאָנטראָלירט אונזער לאַנד דאָס גאָלד פון דער וועלט, די קריגס־פלאָטן און טעריטאָריעס" (אונטערשטראָכן פון באַבסאָן).

ס'איז ניט קיין צופאַל, וואָס באַבסאָן פאַרבינדט דעם אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם מיט דעם פראַנצויזישן. אין אייראָפּע איז פראַנקרייך די אָנפירערין אין דער קאַמפּאַניע פאַר מיליטערישער אינטערווענציע געגן סאָוועטן פאַרבאַנד. דער פראַנצויזישער גענעראַל־שטאַב, מיט דער באַטיי־ליגונג פון דעם ענגלישן און פּוילישן שטאַב אַרבעט אויס די פּלענער פאַר דער אינטערווענציע־קאַמפּאַניע און אָרגאַניזירט די אַרמייען פאַר דער אינ־טערווענציע. די אימפּעריאַליסטישע הואווער־גרופּע, דורך איר פעדעראַל פאַרם באָרד, זאַמלט ריזיגע זאַפּאַסן תבואה און אַנדערע פּראָדוקטן אַפן אַטלאַנטישן ברעג פאַר די אינטערווענציע־אַרמייען, לויט אַן איינאָרדנונג מיט דעם פראַנצויזישן גענעראַל־שטאַב.

דער „וואָל סטריט דזשורנאַל" זאָגט וועגן דער מלחמה געגן סאָוועטן־פאַרבאַנד אַט־וואָס:

„די אַמעריקאַנער רעגירונגס־סיסטעם איז דער פולשטענדיגסטער און קלאָרסטער אויסדרוק פון די פּרינציפּן, אויף וועלכע ס'איז געבויט די מערב־ציוויליזאַציע (קאַפּיטאַליזם — א. ב.) און איז פולשטענדיג געגנעריש צו דער סיסטעם, וואָס די סאָוועטן־רעגירונג פּרואווט עטאַבלירן אין רוסלאַנד און מיט דער צייט — אומעטום" (אונטערגעשטראָכן פון א. ב.).

ניקאָלאַס מאָרעי באַטלער, פּרעזידענט פון קאָלאָמביא אוניווערזיטעט, איז איינער פון די גלאַטסטע און באַרעדעוודיגסטע משרתים פון אַמערי־קאַנער גרויס־קאַפּיטאַל. ביי א מיטאָג איז זיין כבוד אין דעם אַמעריקאַנעם קלוב אין פּאַריז האָט באַטלער אויפגעפאָדערט די וועלט־קאַפּיטאַליסטן צו אונטערנעמען אַן אינטערנאַציאָנאַלע עקאָנאָמישע אַקציע געגן סאָוועטן־פאַרבאַנד אין די פאָלגנדיגע ווערטער:

> „מיר טאָרן ניט אָפּליגן פֿאַר קיין וואָך אָדער חודש אָט־די געמיינזאַמע אינטערנאַציאָנאַלע אונטערנעמונגען (געגן סאָוועטן־פֿאַרבאַנד — א. ב.)... אויב פראנקרייך, אויב ענגלאַנד, אויב איטאַליע, אויב די פֿאַראייניגטע שטאַטן, אויב קאַנאַדע און די איבעריגע זאָלן יעדע באַזונדער אָנהויבן דאָס טאָן אַליין, וועלן זיי אין ערגעץ ניט דערגיין, און זיי וועלן לאָזן דאָס פֿעלד צו אונזער מזרח־אייראָפּייאישן פריינט (סאָוועטן־פֿאַרבאַנד — א. ב.), וואָס האָט אַ פּלאַן זאָל זיך די וועלט אויפֿכאַפּן פֿון שלאָף, זאָל זי פֿאָדערן פֿון אירע שטאַטס־לייט, אַז יענע זאָלן אָדער נעמען אויף זיך די קאָנסטרוקטיווע פירערשאַפֿט, אָדער אָפּטרעטן די ערטער צו די, וואָס זיינען גרייט דאָס צו טאָן“.

די „נעשאָנאַל סיוויק פֿעדעריישאָן“, איינע פֿון די בייז־וויליגסטע און רעאַקציאָנערסטע ארבעטער־פֿיינדלעכע אָרגאַניזאַציעס אין די פֿאַראייניגטע שטאַטן, מיט דעם וויים־פּרעזידענט פֿון דער אמעריקאַן פֿעדעריישאָן אָוו לייבאָר, מעטיו וואָל אין דער שפּיץ, האָט אַף זיך גענומען די איניציאַטיווע צו אָרגאַניזירן אַן „אינטערנאַציאָנאַלע“ קאַמפּאַניע געגן דער „געפֿאַר“ פֿון סאָציאַליזם אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. לויט דער רעקאָמענדאַציע פֿון ראַלף איזלי, האָט מעטיו וואָל באַשטימט אַ קאָמיטע פֿון הונדערט אויף צו

> „באַראַטן זיך מיט פירער פֿון די מאָראַלישע און פּאַטריאָטישע (!!) כחות אין אויסלאַנד וועגן דער צוועק־מעסיגקייט פֿון שאַפֿן אַ געמיינשאַפֿט־לעכע אינטערנאַציאָנאַלע קאָמיטע צו באַהאַנדלען די דאָזיגע געפֿאַר (!!) פֿון אַ וועלט־שטאַנדפּונקט און, אויב נויטיג און פּראַקטיש, צו פֿאַררופֿן אַן אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס אין אייראָפּע“.

מעטיו וואָל, הויפּט מיטארבעטער פֿון גרויס־קאַפּיטאַל אַפּ'ן געביט פֿון שנײַדן שכירות און ברעכן סטרייקס, האָט אַפּעלירט נאָך שטיצע פֿאַר איזלי'ס פֿאָרשלאַג אין די פֿאָלגנדיגע ווערטער:

> „אי דען ניט צייט פֿאַר די פֿעלקער פֿון אַלע דעמאָקראַטישע און פריוע נאַציעס פֿון דער וועלט זיך צו פֿאַראייניגן אויף צו באַגעגענען די אַרויספֿאָדערונג פֿון סאָוועט־רוסלאַנד?“

מעטיו וואָל איז אַ „לייבאָר“ לידער, אַ פירער פֿון דער אמעריקאַן פֿעדע־ריישאָן אָוו לייבאָר, וואָס דאָס מיינט—אַן אַגענט פֿון דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס אין דער ארבעטער־באַוועגונג. ער, אַזוי גוט ווי די גאַנצע באַנדע סאָציאַל־רעפֿאָרמיסטן, שטייט אין די פֿאָדערשטע רייען אַפֿן געביט פֿון צו־גרייטן אַ מיליטערישע אינטערווענציע געגן סאָוועטן פֿאַרבאַנד. די סאָ־ציאַליסטישע פּאַרטיי ארבעט האַנט אין האַנט מיט וואָל'ן. דער „לינקער“ פּייסער א. מאָסטי זוכט צו אַנטוואָפּענען דעם ארבעטער־קלאַס אַנטקעגן דער דאָזיגער קאַפּיטאַליסטישער אָפֿענסיווע דורך אַרייַנברענגען צעטומלע־ניש און דעמאָראַליזאַציע צווישן די מער־פֿאָרגעשריטענע עלעמענטן פֿון ארבעטער־קלאַס. די רענעגאַטן פֿון לאַוועסטאָנ'ס און קענאָנ'ס חדר מאַכן אַ וועג פֿאַר מאָסטי'ן.

ווי אַ שריט אין דער ריכטונג פֿון באַוואָפֿנטער אינטערווענציע, ספּע־ציעל מיט'ן צוועק צו שטערן דעם דערפֿאָלג פֿון דעם פינף־יאָר פּלאַן, פירט אַן די אימפּעריאַליסטישע הוּווער־גרופּע אַן עקאָנאָמישע מלחמה געגן סאָוועטן פֿאַרבאַנד. איינער פֿון די צילן אין דער דאָזיגער עקאָנאָ־מישער מלחמה איז—אַ בלאָקאַדע אַף ניט צו לאָזן עקספּאָרטירן קיין סחורות

פון סאָוועטן פאַרבאַנד און אויף צו פאַרשפאַרן דעם וועג פאַר אימפּאָרטירן אהין סחורות, ניט געקוקט דערויף וואָס אזא שריט מוז אומפאַרמיידלעך שווערער מאכן דעם קריזיס אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

דער „טשיימבער אָוו קאָמערס" (האנדלס-קאַמער) פון ניו יאָרק סטייט האָט אָנגענומען א רעזאָלוציע פאַר „אן עמבאַרגאָ אף אימפּאָרטירטע סחורות פון סאָוועט רוסלאַנד און געגן עקספּאָרטירן אינדוסטריעלע מאַשינעריע צו דער סאָוועט רעגירונג". אז דאָס וועט פירן צו מער אַרבעטלאָזיגקייט פאַר די אמעריקאַנער אַרבעטער, אַרט, ווייזט אויס, ניט דעם טשיימבער אָוו קאָמערס" אף קיין האָר. סטימסאָן און מעלאָן זיינען איצט פאַרנומען אין אייראָפּע מיט פאַראייניגן די קאַפּיטאַליסטישע מלוכות פאַר דער דאָזיגער פּראָגראַם.

דאָס אַלץ ווערט געטאָן מיט דעם היפּאָקריטישן געשריי וועגן סאָוועטישן „דאָמפּינג". אָבער ווער זיינען די אמת'ע „דאָמפּערס", וואָס פאַרפּלייצן דעם מאַרק מיט ביליגע סחורות אף צו ברעכן זייערע קאָנקורענטן? דאָס זיינען די קאַפּיטאַליסטישע מלוכות און ספּעציעל—די אמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטן.

דער שווינדל געגן סאָוועטישן „דאָמפּינג"

וואָס איז אַזוינס „דאָמפּינג"? „דאָמפּינג" איז דער מעטאָד פון די קאַפּיטאַליסטן צו פאַרקויפן סחורות אויפ'ן אויסלענדישן מאַרק פאַר א סך א קלענערן פּרייז, ווי די זעלביגע סחורות ווערן פאַרקויפט אפ'ן היימישן מאַרק. ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך? דאָס איז מעגלעך דערפאַר, וואָס די גרויסע טראָסטס, וואָס אין מערסטע פאַלן האָבן זיי א פאַקטישע מאָנאָפּאָליע אף זייערע פּראָדוקטן אין דעם היימישן מאַרק, צווינגען די קאָנסומערס (די מאַסן, וואָס פאַרברויכן די פּראָדוקטן) אין דער היים צו צאָלן אויסערגעוויינטלעך-הויכע פּרייזן. דאָס מאַכט מעגלעך פאַר די מאָנאָפּאָליעס צו עקספּאָרטירן די זעלביגע סחורות אין די אויסלענדישע מאַרקן צו פיל קלענערע פּרייזן, צו פּרייזן וואָס זיינען—ווי די קאַפּיטאַליסטן רופן עס, נידעריגער ווי דער קאָסט פון פּראָדוקציע, ביז זיי טרייבן אַרויס זייערע קאָנקורענטן פון מאַרק. דער היימישער קאָנסומער איז געצוואונגען צו צאָלן די קאָסטן פון איינעמען אויסלענדישע מאַרקן דורך די קאַפּיטאַליסטן. דאָס איז איינער פון די יסודות פון קאַפּיטאַליסטישן אויסלענדישן האנדל.

דער סאָוועטן פאַרבאַנד איז א סאָציאַליסטישע מלוכה. דער סאָוועטן-פאַרבאַנד עקספּאָרטירט ניט צוליב פּראָפיטן אָדער אף איינצונעמען דעם אויסלענדישן מאַרק, נאָר פאַר געברויך. ער טוישט אויס סחורות פאַר סחורות. אויב געוויסע סחורות איז דער סאָוועטן פאַרבאַנד בכח צו פאַרקויפן ביליגער ווי די קאַפּיטאַליסטן, איז דאָס דערפאַר וואָס די סאָציאַליסטישע סיסטעם פון פּראָדוקציע איז העכער און בעסער ווי די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם. די סאָוועטישע סיסטעם, צום ביישפּיל, דאַרף ניט צאָלן קיין ריזיגע צינזן צו קאַפּיטאַליסטן און פּריצים אין דער פאָרם פון פּראָפיט און רענט. דעריבער איז די פּאָליטיק פון „דאָמפּינג" גאָר ניט אין דער טבע פון דער סאָוועטישער סיסטעם. „דאָמ-

פינג" איז א ק אַ פּ י ט אַ ל י ס ט י ש ע ר קאַמפּס־מיטל, ניט קיין סאָציאַליסטישער.

דער דאָזיגער שווינדל וועגן סאָוועטישן „דאַמפּינג" איז מיט באַזונדערער קלאָרקייט אַרויסגעבראַכט געוואָרן אַף צוויי אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענצן, אין זשענעווע און אין לאָנדאָן. אין זשענעווע, אַף דער קאָנפערענץ פון דער „קאָמיסיע וועגן אַן אייראָפּעאישן בונד", האָט ליטווינאָוו פאָרגעשלאָגן זיין פּלאַן פאַר אַן „אָפּמאַך וועגן עקאָנאָמישן ניט־אָנגרייפן" צווישן סאָוועטן פאַרבאַנד און די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. ווען דער דאָזיגער פאָרשלאַג וואָלט אָנגענומען געוואָרן, וואָלט דאָס געווען א גרויסע שטערונג פאַר „דאַמפּינג". דערפאַר טאַקע האָבן די קאַפּיטאַליסטן ניט אָנגענומען דעם פאָרשלאַג. ליטווינאָוו האָט אויך פאָרגעשלאָגן, אין דער פראַגע פון דאַמפּינג, אַז סחורות, וואָס לאָזן זיך עקספּאָרטירן, טאָרן ניט פאַרקויפט ווערן אַפן היימישן מאַרק צו ה ע כ ע ר ע פּרייזן ווי אַפן אויסלענדישן מאַרק. ווען דער דאָזיגער פאָרשלאַג וואָלט אָנגענומען געוואָרן, וואָלט דאָס ד ע ר ' ה ר ג ' ע ט די פּאָליטיק פון דאַמפּינג. דעריבער האָבן די קאַפּיטאַליסטן אויך אָט־דעם פאָרשלאַג ניט געוואָלט אָננעמען.

דאָס רייסט אַרונטער פולשטענדיג דעם שווינדל וועגן כלומר'שטדיגן סאָוועטישן „דאַמפּינג". אָבער אַף דער לעצטער אינטערנאַציאָנאַלער ווייץ־קאָנפערענץ אין לאָנדאָן האָבן די סאָוועטישע דעלעגאַטן באַוויזן, אַז די קאַפּיטאַליסטן פון די פאַראייניגטע שטאַטן זיינען די אַגרעסיוויסטע דאָמפּערס. די קאָנפערענץ האָט באַטראַכט די פראַגע ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון די „איבעריגע" זאַפּאַסן ווייץ. די פאָרטרעטער פון דעם סאָוועטן פאַרבאַנד אַף דער ווייץ קאָנפערענץ האָבן אָנגעבאָטן זיך צו פאַראייניגן מיט די קאַפּיטאַליסטישע ווייץ־עקספּאָרטירנדיגע לענדער אין דער פראַגע פון אַהין־טאָן די ווייץ־גערעטעניש פון דעם יאָר 1931, נאָר מיט דער פאָלגענדיגער באַדינגונג: „אַז די מעגלעכע מעטאָדן פון לייזן די דאָזיגע וויכטיגע פראַגע טאָרן אָבער ניט פירן צו אַרונטערגעדריקטע לעבנס.סטאַנדאַרדס פון די האָרעפּאַשנע מאַסן". אַלע קאַפּיטאַליסטישע דעלעגאַטן זיינען געווען געגן דעם דאָזיגן פאָרשלאַג. ס'איז אָבער געפאַלן אַף דעם פאָרטרעטער פון דער אימפּעריאַליסטישער הוּאָווער גרופּע, מיסטער מעקעלווי, די אויפגאַבע פון מאַכן די הויפּט־אַטאַקע אַף די סאָוועטישע פאָרשלאַגן געגן דאָמפּן ווייץ אויף דעם חשבון פון די אַרבעטער־מאַסן. אַזוי אַרום האָבן די קאַפּיטאַליסטן פון די פאַראייניגטע שטאַטן זיך אַרויסגעשטעלט ווי די אמת'ע און די אַגרעסיוויסטע דאָמפּערס.

אָבער דער שווינדל וועגן סאָוועטישן „דאַמפּינג" ווערט נאָך אַלץ באַנוצט. דער דאָזיגער אויפגעדעקטער שווינדל איז דאָס דער הויפּט־תירוץ פאַר דעם אימפּעריאַליסטישן געיאָמער וועגן דער „רויטער האַנדלס־געפאַר". פאַרוואָס ווערט דאָס געטאָן? כדי צו צעטומלען די מאַסן, כדי אָפּצעווענדן זייער אויפמערקזאַמקייט פון דעם קאַפּיטאַליזם, וואָס איז באמת פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער שווערער לאַגע און דעם חורבן פון די אַרבעטער און די פאַרמער. דאָס ווערט געטאָן כדי אויפצורייצן די מאַסן געגן סאָוועטן פאַר־

באנד. דאס איז א טייל פון דער קאמפאניע פון צוגרייטן א מיליטערישע אינטערווענציע געגן סאוועטן פארבאנד.

— 4. —

באוואפנונגען און מיליטערישע צוגרייטונגען פאר א נייער מלחמה

ווען גענעראל לודענדארף האט אנומעלטן פאראויסגעזאגט, אז ס'וועט אויסברעכן א מלחמה אין אייראפע, אין דעם חודש יולי, האט א הויכער מיליטערישער באאמטער אין וואשינגטאן (די צייטונגען האבן ניט ארויסגעגעבן זיין נאמען) געזאגט: „ער איז ניט קיין סך אויסערן וועג".

צוגרייטונגען פאר א מלחמה און א מיליטערישער אינטערווענציע געגן סאוועטן פארבאנד גייען אן מיט פיבערישן אימפעט. באוואפנונגען ווערן אלץ פארגרעסערט. די מלוכות וואס גרענעצן זיך מיט דעם סאוועטן פארבאנד ווערן געשטעלט אונטער פאשיסטישער הערשאפט, ווערן מיליטעריזירט אין דעם פראצעס פון צוגרייטן זיך פאר דער אטאקע. דער פראנצויזישער אימפעריאליזם גיט גרויסע הלואות צו זיינע אונטערטעניגע לענדער — פוילן, יוגאסלאוויע און רומעניע — אף צו בויען סטראטעגישע אייזנבאנען, אף אמוניציע, אף צו פארגרעסערן זייערע ארמייען, אף צוצוגרייטן די מלחמה געגן דער סאציאליסטישער וועלט.

דער פראנצויזישער גענעראל־שטאב האט געהאט באשטימט די אינטערווענציע פאר דעם יאר 1930 און האט דערנאך געענדערט דעם פלאן אף 1931. פלענער פאר אן אנטי־סאוועטישער מיליטערישער קאמפאניע זענען אויסגעארבעט געווארן און עס ווערן ארגאניזירט אינטערווענציע ארמייען. די אימפעריאליסטישע הואווער גרופע האט זיך אונטערנומען צו באזארגן די דאזיגע ארמייען מיט שפייז.

געהיימע פארהאנדלונגען, בעראטונגען און קאנפערענצן גייען אן צווישן די פירנדע אימפעריאליסטן. סטימסאן און מעלאן זענען אין אייראפע און ארבעטן מעשים אף צו ארגאניזירן די אינטערנאציאנאלע קאפיטאליסטישע אפענסיווע געגן דעם סאוועטן־פארבאנד. בייזע צייכנס און סימפטאמען פון אלע זייטן ווייזן אן אף דער אומפארמיידלעכער מלחמה און מיליטערישער אינטערווענציע.

דער אמעריקאנער קאפיטאליזם איז גרייט פאר מלחמה

דער אמעריקאנער קריגס־מיניסטער, הורלי, דערקלערט מיט צופרידנהייט, אז: „מיר האבן ניט פארפעלט צו פראפיטירן דורך דעם וואס מיר האבן געלערנט אין 1917 און 1918. דאמאלט זענען אונזערע פלענער פאר מאביליזאציע פון דער מענטשן־קראפט און פון דער אינדוסטריע געווען צעשוואומען און ניט פולשטענדיג". איצט וועט שוין מער ניט זיין קיין צעשוואומענקייט אין די פלענער. ער זאגט:

„מארגן וואלטן מיר פאר זיך געהאט אן אנדער און א שענער (!) בילד. נאכדעם ווי דער קאנגרעס וואלט דערקלערט מלחמה, וואלט באלד געזעצט גע־

> ווארן אין באוועגונג א קאמפליצירטע און פארזיכטיג־אויסגעארבעטע ארגא־ניזאציע אויף צו מאביליזירן ניט בלויז די טרענירטע מחנות סאלדאטן, נאר אויך די אינדוסטריעלע קוואלן פון נויטיגע מאטעריאלן".

די אמעריקאנער קאפיטאליסטן זענען גרייט פאר מלחמה. דער פלאט איז איינער פון די הויפט־וואפן פון אמעריקאנעם קאפיטאליזם. אין זיין קאמף פאר וועלט־באהערשונג בויט דער קאפיטאליסטישער קלאס פון די פאראייניגטע שטאטן א גרעסערן און בעסערן פלאט ווי דער ענגלישער. שוין איצט איז דער אמעריקאנער פלאט שטארקער ווי דער ענגלישער, אין אלע קאטעגאריעס קריג־שיפן א חוץ קרייצערס. די בריטישע אימפעריע האט 53 קרייצערס, אמעריקע האט 19. דעריבער איז די פלאט־קאנקורענץ צווישן די דאזיגע צוויי אימפעריאליסטישע לענדער רעדוצירט געווארן צו א קאמף וועגן קרייצערס. אמעריקע בויט איצט 9 קרייצערס און האט פארטיג פראיעקטן פאר נאך 8, וואס וועלן אינגיכן געבויט ווערן. די אמעריקאנער אימפעריאליסטן הויבן זיך אן צו פילן גרייט צו פארמעסטן זיך מיט ענגלאנד אין אן אנטשיידענדיגן קאנפליקט.

דער אמעריקאנער קאפיטאליזם שיינקט באזונדערע אויפמערקזאמקייט צו דער אנטוויקלונג פון די נייסטע מינים קריגס־געווער,—לופט־פלאט, גיפט־גאז, טאנקס און אנדערע פארמען פון מעכאניזירטע וואפן. אף דעם געביט פון לופט־פלאט איז אמעריקע א סך שטארקער פון ענגלאנד. אין 1929 האט אמעריקע געהאט 1823 קריגס־עראפלאנען אין פארגלייך מיט די ענגלישע 1292. אין מאי 1931 האבן 672 עראפלאנען זיך באטייליגט אין די לופט־מאנעווורעס פון דער ארמיי און די צאל עראפלאנען איז בלויז א סקעלעט פון א „פולער מלחמה־דיוויזיע, וואס וועט האבן 2238 ערא־פלאנען". די גרעסטע געהיימניש רינגלט ארום די אנטוויקלונג פון דער כעמישער מלחמה־אינדוסטריע, די פראדוקציע פון גיפט־גאזן און באמבעס. די ארמיי ווערט מעכאניזירט מיט א שנעלן טעמפא. אזוי, צום ביישפיל, האבן אין דער קאוואלעריע־אפטיילונג טאנקס פארנומען דעם פלאץ פון פערד און יעדער טאנק אדער „שלאכט קאר" קאסט 70 טויזנט דאלאר.

מיר מוזן זיך ספעציעל אפשטעלן אף די פלענער פון דעם קריגס־דע־פארטמענט אף צו מאביליזירן דורך צוואנג־דינסט אן ארמיי פון פיר מיליאן באלד נאך דער דערקלערונג פון א מלחמה, מיט נאך זיבן מיליאן מענער רעגיסטרירט אלס רעזערוו. גענעראל מעקארטור, דער הויפט פון דעם ארמיי־שטאב, האט פארגעבראכט דעם פאלגענדיגן מאביליזאציע־פלאן פאר דער „וואר פאליסים קאמישאן" (קריגס־קאמיסיע) פון קאנגרעס. ער האט געזאגט אט־וואס:

> „מיר האבן אן אלגעמיינעם מאביליזאציע־פלאן... ער נעמט אריין די מא־ביליזירונג אין עטלעכע פעריאדן, איינער נאכן אנדערן, פון 6 פעלד־אר־מייען און באהילפיגע טרופן, אדער ארום 4 מיליאן מענער".

כדי צו מעגלעך מאכן אזא שנעלע מאביליזאציע האט דער קריגס־דע־פארטמענט אויפגעבויט א שטענדיגע גרויסע ארמיי מיט א ריזיגן קארפוס רעזערוו־אפיצירן, ווי א גרונט־ארגאניזאציע אף צו מאביליזירן אן ארמיי פון מיליאנען. לאמיר א קוק טאן אף די איצטיגע מיליטערישע כחות פון

די פֿאַראייניגטע שטאַטן. דער פֿעדעראַלער בודזשעט האָט אַסיגנירט געלדער פֿאַר אַ פּערסאָנעל פֿון 214,004 אין דער רעגולערער אַרמיי אין 1930 און פֿאַר 216,524 אין 1931. פֿאַרגלייכט דאָס מיט הונדערט טויזנט אין אויגוסט 1914 און 133,091 אין 1929. ווייטער קומט דער קאָרפּוס פֿון רעזערוו-אָפֿיצירן. ער האָט 113,523 אָפֿיצירן. דאָס איז דער קאָמאַנדיר-שטאַב פֿאַר דער אַרמיי פֿון פֿיר מיליאָן. דער קאָרפּוס פֿון רעזערוו-אָפֿיצירן ווערט אַלץ פֿערגרעסערט דורך דעם וואָס עס ווערן אַקטיוו טרענירט נייע אָפֿיצירן אין די אַרמיי-גאַרניזאָנען, אין דעם טרעניר-קאָרפּוס פֿון רעזערוו-אָפֿיצירן און אין די מיליטערישע טרעניר-לאַגערן פֿאַר ציווילע בירגער.

און צולעצט קומט דער „נעשיאָנאַל גאַרד”. לויט דעם פֿעדעראַלן בודזשעט פֿאַר 1930 האָט דער נעשאָנאַל גאַרד געדאַרפֿט האָבן 190 טויזנט אָפֿיצירן און סאָלדאַטן און אין 1932—195 טויזנט. דאָס לאָזט זיך פֿאַרגלייכן מיט די 120 טויזנט אין 1914 און 185 טויזנט אין 1929. לויט דעם בודזשעט פֿון 1930 איז אין דער גאַנצער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע פֿון לאַנד געווען 810,304 אָפֿיצירן און סאָלדאַטן און עס איז אַסיגנירט געוואָרן אַף דעם די סומע פֿון $331,338,442.

די מאָביליזאַציע פֿון אַרבעטער און אינדוסטריע פֿאַר מלחמה

דער קריגס-דעפּאַרטמענט האָט אָנגעצייכנט פֿאַר דער קריגס-קאָמיסיע פֿון קאָנגרעס אַ פֿולשטענדיגן פּלאַן פֿאַר דער מאָביליזאַציע פֿון אַרבעטער און אינדוסטריען אין צייט פֿון מלחמה. שוין האָט דער קריגס-דעפּאַרטמענט באַשטימט 14 טויזנט גרויסע קאַפּיטאַליסטן, ווי „קאָנטאַקט מענטשן”, וואָס וועלן איבערנעמען פֿאַר׳ן קריגס-דעפּאַרמענט די אינדוסטריעלע מאַשין באַלד נאָך דער מלחמה-דערקלערונג.

גענעראַל מעקאַרטור באַריכטעט וועגן די דאָזיגע פּלענער:

„באַלד נאָך דעם אויסברוך פֿון מלחמה, וועט דער פּרעזידענט קריגן געזעצלעכע פֿולמאַכט שנעל צו מאָביליזירן און צו נוצן אויף אַ ווירקזאַמען אופֿן די מענטשן-קראַפֿט און די מאַטעריעלע פֿאַרמעגנס פֿון דער נאַציע”.

גענעראַל מעקאַרטור גיט אויך אָן אַ פּלאַן פֿאַר דער גרינדונג פֿון אַ „לייבאָר אַדמיניסטראַציע”. די דאָזיגע אַדמיניסטראַציע וועט דינען ווי אַן אַגענטור אַף צו מאָביליזירן אַרבעטער פֿאַר צוואַנג-אַרבעט אין די אינדוסטריען מיט דער קאָאָפּעראַציע פֿון וויליאַם גרין און מעטיו וואָל.

די מאָביליזאַציע פֿון אַרבעטער און אינדוסטריען פֿאַר מלחמה-צוועקן ווערט פֿאַרלייכטערט דורך דעם פֿאַקט, וואָס אַ גרויסע צאָל אַרמיי און נייווי אָפֿיצירן פֿאַרנעמען פֿירנדע פּאָזיציעס אין גרויס-קאַפּיטאַליסטישע געשעפֿטן. די נייווי באַרימט זיך מיט אַרום זעקס הונדערט אַזוינע „קאַפּיטאַנען פֿון אינדוסטריע” בלויז אין ניו יאָרק, בעת די אַרמיי האָט אַרום 250. ס׳איז גענוג צו דערמאָנען דעם אַרמיי-גענעראַל דזשיימס דזש. האַרבאָרד, טשערמאַן פֿון דער ראַדיאָ קאָרפּאָריישאָן אָוו אַמעריקע, און מר. מיטשעל, טשערמאַן פֿון דער עלעקטריק באַנד ענד שער קאָמפּאַני. אַזוי אַרום ווערן קאַפּי-

טאַליסטישע גרויס־געשעפטן דירעקט פאַרבונדן מיט דער רעגירונג און מיט איר מיליטערישן אַפּאַראַט.

דער וואוקס פון מיליטערישע בודזשעטן און מלחמה־אויסגאַבן

פאַרגלייכט די אַרמיי און נייווי בודזשעטן פון די פאַראייניגטע שטאַטן אין 1925־1926 מיט די בודזשעטן פון 1928־1929. אין ערשטן פאַל האָבן די אויסגאַבן באַטראָפן $528,791,000, אין צווייטן פאַל האָבן זיי באַטראָפן $658,000,000. דאָס מאַכט אויס אַ פאַרגרעסערונג פון 24 פּראָצענט. אין דעם משך פון דעם זעלביגן פּעריאָד איז דער פראַנצויזישער מיליטערישער בודזשעט געשטיגן אויף 50 פּראָצענט.

ס'איז כדאי צו באַמערקן, אַז דאָס זענען די צוויי מלוכות, וואָס באַבסאָן באַטראַכט זיי פאַר די הויפּט־זיילן פון וועלט־קאַפּיטאַליזם. דער „ספּע־ציעלער באַבסאָן בריוו" פון מערץ, 1931, זאָגט: „אונזער לאַנד איז איצט די שטאַרקסטע פעסטונג פון וועלט־קאַפּיטאַליזם, און צוזאַמען מיט פראַנק־רייך קאָנטראָלירט אונזער לאַנד דאָס גאָלד פון דער וועלט, די קריגס־פלאָטן און טעריטאָריעס. ניט געקוקט דערויף, וואָס פראַנצויזן און אַמעריקאַנער האָבן ליב צו ריידן וועגן דעמאָקראַטיע און וועגן „פאָלק", איז אָבער איןביידע לענדער די פאַבריק דער אמת'ער קעניג". דערמיט דערקלערט זיך וואָס ביידע לענדער שטייען אָן דער שפּיץ פון דעם צעטל פון פאַרגרעסערטע באַוואָפנונגען.

די אָנגעגעבענע ציפערן וועגן די אַמעריקאַנער אויסגאַבן אויף דער אַרמיי און פלאָט זענען בלויז אַ פאַרהעלטנישמעסיג קלייניגער טייל פון אַלע אויס־גאַבן פאַר אַזוי־גערופענער „נאַציאָנאַלער פאַרטיידיגונג". אַ גענויער בילד פון דעם סך־הכל פון מיליטערישע אויסגאַבן ווערט אָנגעגעבן אין פאַרבינ־דונג מיט די אָפּעראַציעס פון דעם קריגס און נייווי דעפּאַרטמענט, מלחמה־צוגרייטונגען און די צאָלונגען אויף מלחמה־חובות.

די דאָזיגע ציפערן ווייזן אַז אין די ערשטע ניין חדשים פון דעם פינאַנץ־יאָר 1931 האָבן די הוצאות פאַר „נאַציאָנאַלער פאַרטיידיגונג" באַטראָפן די אומגעהויערע סומע פון $2,124,737,000. דער גאַנצער בודזשעט פון די רעגירונגס־אויסגאַבן אין די דאָזיגע ניין חדשים האָט באַ־טראָפן $3,126,540,000. דאָס מיינט, אַז 67.9 פּראָצענט פון די פעדעראַלע אויסגאַבן ווערן אויסגעגעבן אויף מלחמה און מלחמה־צוגרייטונגען. מיט אַנדערע ווערטער, פון יעדן דאָלאַר, וואָס די פעדעראַלע רעגירונג האָט אויס־געגעבן אין די ערשטע ניין חדשים אין דעם פינאַנץ יאָר 1931, איז כמעט 70 סענט אויסגעגעבן געוואָרן אויף מלחמה־צוגרייטונגען.

יעדן חודש גיט די רעגירונג אויס $236,081,888 אויף מלחמה־צוגריי־טונגען. אָבער קיין איין סענט ווערט ניט אויסגעגעבן אויף הילף פאַר אַרבעט־לאָזע. בלויז די דאָזיגע סומע פאַר מיליטערישע אויסגאַבן וואָלט געווען גענוג אויף צו צאָלן 45 דאָלאַר אַ חודש צו פינף מיליאָן אַרבעטלאָזע. און ווען מיר'ן זאָלן נעמען דעם סך־הכל פון די מלחמה־אויסגאַבן פאַר די ניין

חדשים און דאָס צעטיילן צווישן די דרייצן מיליאָן ארבעטלאָזע וואָלטן מיר געהאַט $163.45 דאָלאר פאַר יעדן ארבעטלאָזן פאַר באַלדיגער הילף.

דער אמעריקאנער אימפעריאַליזם פארשטארקט זיינע פּאָזיציעס אין לאטיינישער אמעריקע

דער קאפּיטאליסטישער קלאס פון די פאראייניגטע שטאטן בויט אויף אין איילעניש זיינע מלחמה־פּאָזיציעס אין לאטיינישער אמעריקע. די פּאָליטיק פון דעם אמעריקאנעם סטייט דעפּארטמענט ווערט אלץ מער אג־רעסיוו אפ׳ן געביט פון העלפן דעם אמעריקאנעם אימפעריאַליזם אריינצו־דרינגען אין לאטיינישער אמעריקע.

לאטיינישע אמעריקע איז איינער פון די הויפּט־געביטן פון דער קאָנ־קורענץ און קאמף צווישן די אמעריקאנער קאפּיטאליסטן און די ענגלישע. דער אמעריקאנער קאפּיטאליזם האלט כסדר אין ארויסשטופּן דעם ענגלישן, אָבער די ענגלישע קאפּיטאליסטן ווערן זיך געגן דעם און שלאָגן אָפּ צוריק. אזוי, צום ביישפּיל, האָט דער בריטישער קאפּיטאליזם אָרגאניזירט די ברי־טישע אויסשטעלונג אין ארגענטינע און דעם טור פון דעם בריטישן קרוין־פּרינץ אין סאוט אמעריקע ווי א שריט אין דער קאָנקורענץ מיט אמערי־קאנעם קאפּיטאליזם.

ביידע אימפּעריאליסטישע רויבער זוכן צו פארפעסטיגן זייערע פּאָזי־ציעס אין סאוט אמעריקע ווי א פּאָרבערייטונג פאר דער מלחמה צווישן זיי ביידע צוליב דער וועלט־איבערהערשאפט.

אין די דאָזיגע מלחמה-צוגרייטונגען שיינקט דער אמעריקאנער קאפּי־טאליזם באזונדער אויפמערקזאמקייט צו די קאריבייאישע לענדער. מערסטע פון די לענדער זענען אין א קלענערער אָדער גרעסערער שטופע פּאקטישע קאָלאָניעס אונטער׳ן דרוק פון אמעריקאנעם אימפּעריאליזם. דער קאַרי־בייאישער ים און די קאריבייאישע לענדער ווערן אָנגעהאלטן פון דעם אמע־ריקאנעם אימפּעריאליזם אויך פאר מיליטערישע סטראטעגישע צוועקן.

פאר דער פארטיידיגונג פון דעם פּאנאמאַ קאנאל און דעם פּראָיעק־טירטן ניקאראגוא קאנאל בויט דער אמעריקאנער אימפּעריאליזם פּלאַט־באזעס און קויל־סטאנציעס ביי אלע סטראטעגישע פּונקטן פון דעם קארי־בייער ים. נייע פּלאַט־באזעס ווערן געפּלאנט אין פּאָרטאָ ריקאָ און אין די ווירדזשין אינזלען. הוווער׳ס לעצטע מיסיע צו די אינזלען איז געווען א מלחמה-מיסיע.

דער אמעריקאנער אימפּעריאליזם זוכט אויך צו פאראייניגן די רעגי־רונגען פון די קאריבייאישע לענדער פאר דער מלחמה געגן סאָוועטן־פאר־באנד. מערסטע פון די דאָזיגע רעגירונגען זענען ליאלקע־רעגירונגען, אוועק־געזעצט אין אמט און אויפגעהאלטן פון דער אמעריקאנער רעגירונג מיט דער הילף פון טעראָר און מאָרד, ווי אין קובא און ניקאראגוא. דער אמע־ריקאנער אימפּעריאליזם דולדעט ניט קיין רעגירונגען אין די קאריבייער לענדער, וואָס טוען ניט דעם ווילן פון וואָל סטריט, אריינגערעכנט וואָל סטריט׳ס מלחמה־פּלענער געגן סאָוועטן-פארבאנד.

אָרגאניזירט זיך פאר קאמף געגן דער מלחמה-געפאר און געגן מילי-טערישער אינטערווענציע

מיר האָבן געזען ווי אזוי דער אמעריקאנער קאפּיטאליזם גרייט זיך צו א מלחמה און א מיליטערישער אינטערווענציע געגן סאָוועטן פארבאנד. מיר האָבן אויך געזען, ווי אזוי די פירער פון דער אמעריקאן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר און פון דער סאָציאליסטישער פארטיי שטייען אין די פאָדער-שטע טרענטשעס פון דער דאָזיגער קרימינעלער פארשווערונג געגן דעם ארבעטער-קלאַס. מיר מוזן אָנהויבן אָרגאניזירן אונזערע כחות ערנסט און גרינטלאך פאר דעם קאמף געגן דער מלחמה-געפאר און געגן מיליטערישער אינטערווענציע.

דער ערשטער אויגוסט שטעלט מיט זיך פאר א גרויסע געלעגנהייט צו דעמאָנסטרירן און קעמפן געגן מלחמה און פאר דער פארטיידיגונג פון סאָוועטן פארבאנד. דער ערשטער אויגוסט איז דער אינטערנאציאָנאלער אנטי-מלחמה טאָג. אין יענעם טאָג דעמאָנסטרירן די ארבעטער און די הארעפּאשנע מאסן פון דער גאנצער וועלט געגן אימפּעריאליסטישער מלחמה און מיליטערישער אינטערווענציע. דער קאָמוניסטישער אינטערנאציאָנאל און די קאָמוניסטישע פארטייען אין יעדן לאנד שטייען אין דער פירערשאפט פון דעם קאמף.

צו קעמפן פאר דער פארטיידיגונג פון סאָוועטן פארבאנד מיינט צו קעמפן געגן מלחמה, געגן דער קאפּיטאליסטישער אָפענסיווע און רעאקציע, געגן לינטשן נעגערן און דעפּאָרטירן פרעמד-געבאָרענע, געגן די שווידערס פון קאפּיטאליסטישער עקספּלואטאציע און קאָלאָניאלער אונטערדריקונג. עס איז א קאמף פאר סאָציאליזם.

לאָמיר זיך אָנהויבן גרייטן פאר דעם גרויסן קאמף. בויט אויף און פארשטאַרקט די רעוואָלוציאָנערע יוניאָנס, אָרגאניזירט אין דער טרייד יוניאָן יוניטי ליג. אָרגאניזירט די קאָונסילס פון ארבעטלאָזע. שטיצט די קאָמו-ניסטישע פארטיי און שליסט זיך אָן אין אירע רייען. אזוי ארום ווען מיר אויסשמידן די מאכט פאר די אנטשיידענע קאמפן געגן מלחמה, געגן אינ-טערווענציע און געגן קאפּיטאליזם. אזוי ארום וועלן מיר זיך צוגרייטן ווי עס באדארף צו זיין אף צו פארוואנדלען די קאפּיטאליסטישע מלחמה געגן סאָוועטן פארבאנד אין א רעוואָלוציאָנערער מלחמה געגן קאפּיטאליזם אין די פאראייניגטע שטאטן און אויף דער גאנצער וועלט.

5.

לייבאָר-פייקערס און סאָציאַליסטישע פאַרטיי זיינען די הויפּט-אויפהעצער צו מלחמה און מיליטערישער אינטערווענציע

די פירער פון דער אמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר, גרין, וואָל, לואיס און קאָמפּאני, צוזאמען מיט דער סאָציאליסטישער פארטיי, זיינען

די הויפט־אויפרייצער צו מלחמה און אינטערווענציע. די איינציגע כחות אין די פאראייניגטע שטאטן, וואס קעמפן געגן מלחמה און מיליטערישער אינטערווענציע, וואס פירן די ארבעטער צו א ווידערשטאנד געגן דער קאפיטאליסטישער אפענסיווע, זיינען — די קאמוניסטישע פארטיי און די טרייד־יוניאן יוניטי ליג.

גאמפערס און הילקוויט האבן געהאלפן מאכן די מלחמה אין 1914—1918

אין דער אימפעריאליסטישער מלחמה פון 1914-1918, וואס דער אמעריקאנער אימפעריאליזם האט זיך אין איר אנגעשלאסן אין 1917, האבן די פירער פון דער אמעריקען פעדערײשאן או לייבאר מיט סעם גאמפערס אין דער שפיץ געארבעט ווי מאביליזיר־אגענטן פאר וואודראו ווילסאן און דעם אמעריקאנעם קאפיטאליסטישן קלאס. גאמפערס און זיינע ארוםהעלפער, גרין, וואל, לואיס, שלעזינגער, הילמאן, א. אז. וו., האבן געהאלפן דורכפירן די צוואנג־מאביליזאציע. זיי האבן מיטגעארבעט מיט דער „וואר לייבאר בארד״ אף צו מאביליזירן די ארבעטער פאר די מלחמה־אינדוסטריען. זיי האבן זיך אונטערנומען צו פארהיטן סטרייקס און אלע אנדערע פארמען פון ווידערשטאנד צו דער מלחמה מצד די ארבעטער.

די פירער פון דער אמעריקען פעדערײשאן או לייבאר האבן פארוואנדלט די יוניאנס אין א טייל פון דער אימפעריאליסטישער מלחמה־מאשין. גאמפערס און קאמפאני האבן פונקציאנירט ווי די ארעבטערדעפאַרטמענט פון דעם קריגס־דעפארטמענט. זיי האבן געשריגן העכער פון אלעמען אין דעם אימפעריאליסטישן געיאמער פאר א „מלחמה ביז צום סוף״. זיי האבן געשטיצט ווילסאנ׳ען און גרויס־קאפיטאל אין איינארדענען דעם אימפעריאליסטישן שלום, וואס האט באפעסטיגט די קייטן פון שקלאפעריי אף די עקספלואטירטע מאסן איבער דער גאנצער וועלט און וואס פירט צו נייע אימפעריאליסטישע מלחמות.

גאמפערס און קאמפאני, די פירער פון דער אמעריקאן פעדערײשאן או לייבאר, האבן מיטגעארבעט מיט ווילסאנ׳ען אין דער ערשטער מיליטערישער אינטערווענציע געגן דער ארבעטער־רעוואלוציע אין רוסלאנד. איר געדיינקט די מחנות אמעריקאנער סאלדאטן וואס ווילסאן און גאמפערס האבן זיי געטריבן קיין ארכאנגעלסק און סיביר אף אפצעשטעלן די ארבעטער־רעוואלוציע אין רוסלאנד, צו צווינגען די ארבעטער און פויערים צוריק צו דער אימפעריאליסטישער שחיטה פאר דער גלאריע און די פראפיטן פון די פראנצויזישע, ענגלישע און אמעריקאנער באנקירן.

ווי אזוי איז עס געווען מעגלאך אז ארבעטער־פירער, וואס האבן כלומר׳שט פארטראטן די אינטערעסן פון די ארבעטער, זאלן קאנען באגיין אזא שווארצן פאראט געגן דעם ארבעטער־קלאס? דער ענטפער איז אז גאמפערס און קאמפאני זיינען ניט געווען קיין אמת׳ע פירער פון די ארבעטער; זיי האבן ניט פארטראטן די אינטערעסן פון דעם ארבעטער־קלאס. זיי זיינען געווען און זיי זיינען איצט סאציאל־רעפארמיסטן, דאס הייסט,

מענטשן וואָס זיינען פאראינטערעסירט צו ראטעווען דעם קאפיטאליזם, ניט אים אָפּשאפן. אָט דאָס האָבן גאָמפּערס און קאָמפּאני געטאָן פאר דער מלחמה און די זעלביגע פּאָליטיק האָבן זיי פּאָרגעזעצט בעת דער מלחמה און דערנאָך. די פירער פון דער אמעריקאן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר זיינען געווען און זיינען די אגענטן פון דעם שונא אין אונזערע רייען, די אַגענטן פון דעם קאָפּיטאַליסטישן קלאַס אין די אַרבעטער־רייען.

בערגער, הילקוויט, אָ׳ניל, קאהאן, די סאָציאליסטישע פּארטיי פון אמעריקע, זיינען פון דעם זעלביגן טיפּ „ארבעטער״ פירער. זיי זיינען סאָציאל־רעפּאָרמיסטן און זיי קעמפן צו ראטעווען די קאפּיטאליסטישע סיסטעם פון די אטאקעס פון דעם ארבעטער־קלאס און פון דער ארבעטער־רעוואָלוציע. די דאָזיגע סאָציאל־רעפּאָרמיסטן פור דער סאָציאליסטישער פּארטיי, פונקט ווי גאָמפּערס, גרין, וואָל, לואיס און קאָמפּאני, האָבן געהאָלפן דעם קאפּיטאליזם צו אָרגאניזירן און צו געווינען די מלחמה.

ביים אויסברוך פון דער מלחמה פון 1918-1914 איז אין די רייען פון דער סאָציאליסטישער פּארטיי פון אמעריקע נאָך אַלץ געווען א גרויסע צאָל ארבעטער, צווישן זיי—רעוואָלוציאָנערע ארבעטער. די מערהייט פון דער מיטגלידערשאפט פון דער סאָציאליסטישער פּארטיי איז דעריבער געווען געגן דער אימפּעריאליסטישער מלחמה, אָבער זי האָט ניט געהאט קיין קלאָרן באגריף ווי אזוי צו באקעמפן די מלחמה. דער קאָמוניסטישער אינטערנאציאָנאל איז נאָך ניט געהאט געבאָרן געוואָרן. דער צווייטער סאָציאליסטישער אינטערנאציאָנאל האָט צוזאמענגעבראָכן ביים אָנהויב פון דער מלחמה און מערסטע פון זיינע נאציאָנאלע סעקציעס האָבן זיך פארנומען צו העלפן געווינען די מלחמה. בלויז די רוסישע באָלשעוויקעס, אונטער לענינ׳ס פירערשאפט און צוזאמען מיט זיי קארל ליבקנעכט אין דייטשלאנד, האָבן אָנגעפירט אן אויסגעשפּראָכענעם און אויסגעהאלטענעם קאמף געגן מלחמה. ס׳איז אויך נאָך ניט געווען קיין קאָמוניסטישע פּארטיי אין די פאראייניגטע שטאטן. לענינ׳ס שטים און די רעוואָלוציאָנערע קאמפן פון די באָלשעוויקעס געגן מלחמה זיינען צו יענער צייט נאָך ניט געווען באוואוסט ביי די אמעריקאנער ארבעטער.

דער רעזולטאט פון דער דאָזיגער סיטואציע איז געווען אז די נאציאָנאלע „עמערדזשענסי״ קאָנווענשאָן פון דער אמעריקאנער סאָציאליסטישער פּארטיי, וואָס איז אָפּגעהאלטן געוואָרן אין סט. לואיס אין אפּריל, 1917, האָט נידערשטימט די רעפּאָרמיסטישע פירער און האָט אָנגענומען אן אנטי־מלחמה רעזאָלוציע, וועלכע האָט אָבער ניט אנטהאלטן קיין ווירקזאמע פּראָגראם פון רעוואָלוציאָנערן קאמף געגן דער מלחמה. די רעזאָלוציע האָט ניט אָנגעגעבן קיין פּלאן פאר א קאמף צו פארוואנדלען די אימפּעריאליסטישע מלחמה אין א בירגער־קריג געגן קאפּיטאליזם. די פּראָלעטארישע מיטגלידערשאפט פור דער סאָציאליסטישער פּארטיי איז געווען ווילינג און גרייט צו פירן א רעוואָלוציאָנערן קאמף געגן דער אימ-

פעריאליסטישער מלחמה, אבער די רעפארמיסטישע פירער האבן געארבעט פאר מלחמה און פאר אימפעריאליזם. די אנטי־מלחמה רעזאלוציע, וואס איז אנגענומען געווארן אין סט. לואיס, איז פארסאבאטאזשירט געווארן אויף טויט דורך די הילקוויטס, בערגערס און א׳נילס. די דאזיגע לאקייען פון דעם אמעריקאנעם אימפעריאליזם האבן זיך אונטערנומען צו „רעווידירן״ די סט.-לואיס רעזאלוציע באלד ווי זי איז אנגענומען געווארן פון דער מיטגלידערשאפט. ווי א רעזולטאט פון דעם דאזיגן קאמף—פאר אדער קעגן אימפעריאליסטישער מלחמה—און פון דעם קאמף וועגן דער פראלעטארי־שער רעוואלוציע אין רוסלאנד—פאר אדער קעגן די ארבעטער—האט זיך די פראלעטארישע מיטגלידערשאפט פון דער סאציאליסטישער פארטיי אפ־געשפאלטן פון די רעפארמיסטישע פירער און זיך ארגאניזירט אין דער קאמוניסטישער פארטיי, די אמעריקאנער סעקציע פון דעם קאמוניסטישן אינטערנאציאנאל.

זינט דעמאלט איז די סאציאליסטישע פארטיי און די פירער פון דער אמעריקען פעדערײשאן אוו לייבאר געווארן נאך מער אויסגעהאלטן און אג־רעסיוו אין זייער פארטיידיגן דעם קאפיטאליזם און זיינע אימפעריאליס־טישע מלחמות און אין זייער געגנערשאפט צום סאוועטן פארבאנד. זיי טור־ען דאס, וואס לוינט זיך צום בעסטן פאר׳ן קאפיטאליסטישן קלאס. די פי־רער פון דער אמעריקען פעדערײשאן אוו לייבאר האבן געגרינדעט א ספע־ציעלע ארגאניזאציע — די „פאן־אמעריקען פעדערײשאן אוו לייבאר״ — כדי גרינגער צו מאכן פאר די אמעריקאנער אימפעריאליסטן אריינצודרינ־גען אין לאטײנישער אמעריקע און איינגעמען זי פאר עקספלואטאציע און סופער־פראפיטן. די סאציאליסטישע פארטיי און די פירער פון דער אמע־ריקען פעדערײשאן אוו לייבאר זיינען די פירענדע פריידיגער און פארטײ־דיגער פון פאשיסטישע מעטאדן פון אונטערדריקן דעם ארבעטער קלאס און זיינע ארגאניזאציעס. די סאציאל־רע־פארמיסטן און די סאציאל־אימפעריאליסטן זיינען אויך געווארן סאציאל־פאשיסטן. זיי האבן זיך אנטוויקלט אויף דעם זעלבינן שטייגער ווי די סאציאל־רעפארמיסטן איבער דער גאנצער וועלט, פארטראטן אין אינטער־נאציאנאלן מאסשטאב דורך דעם צווייטן „סאציאליסטישן״ אינטערנאציא־נאל און דעם אמסטערדאמער אינטערנאציאנאל פון טרייד יוניאנס. אט־די מאכט פון סאציאל־רעפארמיזם און סאציאל־פאשיזם שטייט עס איצט צווישן דעם ארבעטער־קלאס און זיין זיג איבער׳ן קאפיטאליזם.

טאמאס, הילקוויט, גרין און וואל ארבעטן פאר מיליטערישער אינטערווענציע

נארמאן טאמאס און מארים הילקוויט זיינען די פארטרעטער פון דעם צווייטן „סאציאליסטישן״ אינטערנאציאנאל אין די פאראייניגטע שטאטן. די אמעריקאנער סאציאליסטישע פארטיי, וואס האט אט־די צוויי דזשענטל־מענער פאר אירע הויפט פירער, איז איינע פון די סעקציעס פון דעם צווייטן אינטערנאציאנאל. דער צווייטער „סאציאליסטישער״ אינטערנאציאנאל

שטייט איצט אַנטפּלעקט ווי דער **הויפּט אויפרייצער** צו מיליטערישער אינטערווענציע געגן סאָוועטן פאַרבאַנד.

די אַזוי־גערופענע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען איבער דער גאַנצער וועלט, פאַראייניגט אין דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, האָבן סיסטעמאַטיש מיטגעאַרבעט מיט די אימפּעריאַליסטישע רעגירונגען געגן דעם סאָוועטן פאַרבאַנד. די ענגלישע לייבאָר פּאַרטיי פון מעקדאָנאַלד און הענדערסאָן, וואָס איז איצט די ענגלישע רעגירונג, און די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, וואָס איז די הויפּט־שטיצע פון דער איצטיגער רעגירונג אין דייטשלאַנד, — די שטאַרקסטע פּאַרטייען פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, אַרבעטן אַקטיוו פאַר מיליטערישער אינטערווענציע אין סאָוועטן פאַרבאַנד. די ענגלישע „אַרבעטער“־רעגירונג איז פאַרטראָטן אין דער קאָמיסיע פון דעם פראַנצויזישן גענעראַל שטאַב, וואָס אַרבעט אויס די פּלענער און אָרגאַניזירט די אינטערווענציע־קאַמפּאַניע. די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז אַנטפּלעקט געוואָרן ווי די אָרגאַניזאַטאָרן פון די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע און מענשעוויסטישע באַנדעס שעדיגער אין סאָוועטן פאַרבאַנד. די רוסישע מענשעוויקעס, וואָס זיינען לעצטנס געמשפּט געוואָרן אין מאָסקווע פאַר זייערע אינטערווענציע־טעטיגקייטן, האָבן זיך מודה געווען, אַז זיי האָבן געקראָגן הילף און אינסטרוקציעס פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל דורך רפאל אַבראַמאָוויטש׳ן, דעם אויסלענדישן פאַרטרעטער פון די רוסישע מענשעוויקעס. אַבראַמאָוויטש, וועלכער איז אומלעגאַל געקומען אין סאָוועטן פאַרבאַנד, איז אַנטפּלעקט געוואָרן ווי דער וויכטיגסטער פאַרבינדונגס־אַגענט צווישן די אינטערווענציע־פאַרשווערער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל.

די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט די גאַנצע צייט געאַרבעט האַנט אין האַנט מיט די רוסישע מענשעוויקעס, — אַבראַמאָוויטש, אינגערמאַן, א. א. וו. — אויף צו **פינאַנסירן** די צוגרייטונגען צו דער אינטערווענציע. קאַמפּאַניעס אויף צו זאַמלען געלט פאַר אַבראַמאָוויטש׳ן און די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע מענשעוויקעס זיינען אָנגעפירט געוואָרן אין אַמעריקע דורך דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. אויף די באַנקעטן פאַר אַבראַמאָוויטש׳ן, אויף זיינע באַזוכן און טורס אין אַמעריקע, אָרגאַניזירט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, זיינען געהאַלטן געוואָרן אַנטי־סאָוועטישע און אינטערווענציע־רעדעס פון הילקוויט׳ן, טאָמאַס׳ן און אָ׳ניל׳ן. די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז אַן דער שפּיץ פון דער קאַמפּאַניע פאַר אינטערווענציע געגן סאָוועטן פאַרבאַנד. דאָס זעלביגע ווערט געטאָן פון די אַנדערע פּאַרטייען פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, — די פראַנצויזישע, די דייטשע, די ענגלישע, די בעלגישע, א. אַז. וו.

וואָל, גרין, לואיס און קאָמפּאַני, די פירער פון דער אַמעריקען פעדערייששאָן אָוו לייבאָר, שטייען זייט ביי זיי מיט דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין שטיצן די קומענדיגע אימפּעריאַליסטישע מלחמה און אין אויפרייצן צו מיליטערישער אינטערווענציע געגן סאָוועטן פאַרבאַנד. גרין, וואָל און די פיש קאָמיסיע, צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע רעאַקציאָנערע און פאַשיסטי־

שע כחות אין לאנד, שטייען אין די פאדערשטע רייען פון דער אימפעריאליסטישער העצע אין דעם אויפגעדעקטן שווינדל וועגן סאוועטישן „דאמפינג", וואס סטימסאן און מעלאן זוכן איצט אויסצונוצן אויף צו קאנסאלידירן די פאראייניגטע אינטערנאציאנאלע קאפיטאליסטישע אקציע געגען סאוועטן פארבאנד. אויף א פארזאמלונג פון דער „נעשאנאל סיוויק פעדערייש‌אן", א קערפערשאפט פון „אפען שאפערס" און רעאקציאנערן, וואס איז פארגעקומען דעם 10טן יוני, 1931, כדי צו אנטוויקלען נאך מער די אינטערווענציע קאמפאניע, האט מעטיו וואל געזאגט:

„די סאוועטישע דיקטאטארס הונגערן אויס דאס רוסישע פאלק... דאס ווערט געטאן לויט א צעיושעטן פלאן צו פארניכטן די פרייע מארקן און אינסטיטוציעס (די „קויל און אייזן פאליציי" פון פענסילוועניא, צום ביישפיל — א. ב.)

...איז דען ניט געקומען שוין די צייט פאר די פעלקער פון אלע דעמאקראטישע און פרייע (!) נאציעס פון דער וועלט זיך צו פאראייניגן אויף צו באגעגענען די ארויספאדערונג פון סאוועט־רוסלאנד?"

מעטיו וואל און גרין זיינען געגן סאציאלער פארזיכערונג (אינשורענס) און געגן זיכערונג פאר ארבעטלאזע. זיי זיינען אבער **פאר** שניידן שכירות און פאר מיליטערישער אינטערווענציע געגן סאוועטן פארבאנד.

די פירער פון דער אמעריקען פעדעריישאן או לייבאר און די סאציאליסטישע פארטיי העלפן אויך אין די צוגרייטונגען פאר דער קומענדיגער אימפעריאליסטישער מלחמה. נארמאן טאמאס טרעט אויף פאר דער „וואר פאליסים קאמישאן" (קריגס־קאמיסיע) פון קאנגרעס, וואס ארדנט איין און זעצט אין באוועגונג די מאשינעריע פאר דער קומענדיגער מלחמה, און ער **נעמט אן**, ווי א זעלבסט־פארשטענדלעכע און נאטירלעכע זאך, **די קומענדיגע מלחמה און די מלחמה־צוגרייטונגען**. ער פאדערט אויף די קאמיסיע אנצונעמען מלחמה־פלענער פאר דער פולשטענדיגער מיליטאריזאציע פון דער רעגירונג און דער אינדוסטריע בלויז אין פאל פון אן „עסקטרעמען נויט־פאל" („עמוירדזשענסי"). אניט, האט ער געזאגט, „וועט דאס באטראכט ווערן ווי א מאנגל פון צוטרוי צו שלום מצד דער נאציע, וואס האט פארגעשלאגן דעם קעלאג־אפמאך". טאמאס און די סאציאליסטישע פארטיי ווילן, אז די מלחמה־צוגרייטונגען זאלן אנגעפירט ווערן אויף אן אופן, **וואס זאל ניט אויפדעקן דעם שווינדל** פון דעם קעלאג־אפמאך און פון דעם אפיציעלן, קאזיאנעם פאציפיזם פון דער אמעריקאנער רעגירונג.

די מיטגלידערשאפט פון דער אמעריקען פעדעריישאן או לייבאר און די עטלעכע געבליבענע פראלעטארישע מיטגלידער פון דער סאציאליסטישער פארטיי האבן אונטער'ן דרוק פון דעם קריזיס און פון דעם פארראט פון זייערע פירער, אנגעהויבן באגרייפן די אמת'ע געפאר. דער היסטארישער דערפאלג פון דעם סאציאליסטישן אויפבוי אין סאוועטן פארבאנד, ניט געקוקט אויף די עקלדיגע פארלוימדונגען און ליגנס פון די קאפיטאליסטן און זייערע רעפארמיסטישע לאקייען, הויבט אן אויפצואוועקן אין די הערצער פון די ארבעטער, אויך אין די רעפארמיסטישע ארגאניזאציעס, א

האפנונג און א צוטרוי צום אמת'ן סאציאליזם, א פארלאנג צו פארטיידיגן דעם סאוועטן פארבאנד פון די אטאקעס פון זייערע שונאים, א סימפאטיע צו דער קאמוניסטישער פארטיי און דער טרייד יוניאן יוניטי ליג.

גרויסע גרופן ארבעטער הויבן אן אראפווארפן די פענטעס פון דער רעפארמיסטישער פירערשאפט. כדי אפצוהאלטן דעם דאזיגן פראצעס, וואס די קאפיטאליסטן און די רעפארמיסטן באטראכטן דאס פאר א געפאר, ווערן אנגעווענדט נ י י ע מ ע ט א ד ן פ ו ן א פ נ א ר ן די אויפגע־וואכטע ארבעטער. דער מעטאד פון „לינקע" פראזן, פון ווערטער וואס קלינגען כמעט „רעוואלוציאנער", ווערט באנוצט כדי אפצוהאלטן די ארבע־טער פון אריבערגייען צום קאמוניזם. דאס איז די ספעציעלע אויפגאבע פון די אזוי־גערופענע „לינקע" רעפארמיסטן, — מאסטי און קאמפאני, סטאנלי, א. א. וו. את-די פארשווינען זיינען ניט מער ווי „לינקע" פייר־קערס, וואס בלויז מיט זייערע „לינקע" פראזן אונטערשיידן זיי זיך פון די אפענע פייקערס פון דעם רעכטן פליגל.

די דאזיגע „לינקע" פייקערס פון דעם מאסטי חדר פילן, אז ס'איז גע־פערלעך פאר דעם קאפיטאליזם צוריקצוהאלטן די מער ראדיקאלע ארבעטער פון דעם רעוואלוציאנערן קאמף דורך דירעקטע אפענע אטאקעס געגן דעם סאוועטן פארבאנד און די אידעאלן פון אלוועלטלעכן קאמוניזם, ווייל די מער ראדיקאלע ארבעטער זיינען אקטיוו אין זייער סימפאטיע צו ביידן, צום סאוועטן פארבאנד און צום קאמוניזם. דעריבער מאכן די „לינקע" פייקערס דעם אנשטעל, אז זיי זיינען א ו י ך אין סימפאטיע מיט ביידן. נ י ט מ ע ר — און דא ווייזט זיך ארויס דער שווינדל — די דאזיגע פייר־קערס זיינען געגן דער א מ ע ר י ק א נ ע ר קאמוניסטישער פארטיי און געגן די א מ ע ר י ק א נ ע ר רעוואלוציאנערע יוניאנס. אזוי ארום האפן די „לינקע" פייקערס צו קאנען צוריקהאלטן די ארבעטער פון א י ב ע ר־ז ע צ ן זייערע סימפאטיעס צום סאוועטן פארבאנד און צום קאמוניזם אויף דער שפראך פון א ק ט י וו ן א ר ג א נ י ז י ר ט ן ק א מ ף געגן מיליטערישער אינטערווענציע און קאפיטאליסטישער עקספלואטאציע.

דאס איז דער „לינקער" טריק פון מאסטי און סטאנלי און אויך פון די לאוועסטאן און קענאן פאררעטער. די דאזיגע פאררעטער ארבעטן מיט מאסטי'ן און ברוקירן פאר אים א וועג. מיט'ן מויל זיינען זיי „לאיאל" צום קאמוניזם און אין דער ווירקלעכקייט האלטן זיי אין איין פאררעטן און באקעמפן די קאמוניסטישע באוועגונג.

אן אומדערבארעמדיגער קאמף געגן די רעפארמיסטן, רעכטע און „לינ־קע", און געגן די פאררעטער — דאס איז א גרונד-באדינגונג פאר א דער־פאלגרייכן קאמף געגן מלחמה און מיליטערישער אינטערווענציע.

6.

די פוסטע איינרעדעניש און די געפארן פון פאציפיזם

קודם כל ווילן מיר ווייזן דעם אונטערשיד צווישן די צוויי הויפט־מינים פאציפיזם. איינער איז דער א פ י צ י ל ע ר פאציפיזם פון די

אימפּעריאַליסטן און די אימפּעריאַליסטישע רעגירונגען. דער דאָזיגער מין פּאַציפיזם איז אַ פּ ע י ק און אַ ש ו ו י נ ד ל. ס'איז אַ שירמע, מיט וועלכער די קאַפּיטאַליסטן זוכן צו פאַרשטעלן די מלחמה־געפאַר און די מלחמה־צוגרייטונגען. דער צווייטער מין איז דער פּאַציפיזם פון פאַרשיידענע ליבעראַלע, הומאַניטאַרישע און קליין־בירגערלעכע גרופּן. דער דאָזיגער מין פּאַציפיזם איז אַן איינרעדעניש, אַן א י ל ו ז י ע. ס'איז אַ געפערלעכע אילוזיע דערפאַר, וואָס דער דאָזיגער סאָרט פּאַציפיזם, ווייט פון קאָנען אָפּשטעלן אָדער אָפּשאַפן מלחמות, מאַכט אין דער אמת'ן מעגלעך פאַר די אימפּעריאַליסטן און מיליטאַריסטן דורכצופירן זייערע מאַנעווערס פון שווינדלערישן פּאַציפיזם, ווי אַ מיטל צו פאַרדעקן די מלחמה־צוגרייטונגען.

דאָ וועלן מיר באַטראַכטן הויפּטזעכלעך דעם צווייטן מין פּאַציפיזם, דעם מין וואָס פאַרשפּרייט און באַפעסטיגט געפערלעכע אילוזיעס. וואָס זיינען די דאָזיגע אילוזיעס? די ערשטע און גרעסטע פון זיי איז די איינרעדעניש, אַז אַ אימפּעריאַליסטישע מלחמה איז אַ באַזונדערע דערשיינונג, וואָס איז אָפּגעזונדערט פון דעם קאַפּיטאַליזם, — אַז ס'איז מעגלעך אָפּצושאַפן מלחמה ניט אָפּשאַפנדיג דעם קאַפּיטאַליזם.

איבער דער דאָזיגער פראַגע מוזן מיר זיין באַזונדער קלאָר. מיר זאָגן, אַז ס'איז ניטאָ קיין שאַרפע צעטיילונג צווישן אימפּעריאַליסטישן שלום און אימפּעריאַליסטישער מלחמה. איינס פירט צום צווייטן. איינס פאַרוואַנדלט זיך אין דעם צווייטן.

די אימפּעריאַליסטישע שחיטה פון 1914־1918 איז ניט געווען קיין צופעליגער אויסברוך. די מלחמה איז געקומען אומפאַרמיידלעך ווי אַ רעזולטאַט פון יאָרן אימפּעריאַליסטישע קאָנקורענץ איבער מאַרקן, „איינפלוס־ספערן" און קאָלאָניעס. איידער ס'האָט זיך אויף אַן אמת'ן אָנגעהויבן די וועלט־מלחמה, זיינען פאָרגעקומען עטלעכע „קלענערע" מלחמות און אַ צאָל קריגס־„אינצידענטן", וואָס יעדערער פון זיי וואָלט געפירט צו אַ וועלט־שׂרפה, ווען די גרעסערע אימפּעריאַליסטישע מלוכות וואָלטן געווען גרייט דערצו צו יענער צייט. די מלחמה האָט אויסגעבראָכן אין אויגוסט 1914, ווייל ענגלאַנד, פראַנקרייך, רוסלאַנד און דייטשלאַנד זיינען געווען גרייט פאַר איר.

איז דער דאָזיגער קאַמף פאַר מאַרקן, איינפלוס־ספערן און מאָנאָפּאָליסטישן באַזיץ פון קאָלאָניעס עפּעס אַזוינס, וואָס איז אָפּגעזונדערט פון דעם קאַפּיטאַליזם? ניין, ס'איז דער סאַמע תוך פון קאַפּיטאַליזם, פון דער אימפּעריאַליסטישער שטופע זיינער. דאָס קאָן צום בעסטן באַוויזן ווערן דורך דעם אומבאַשטרייטבאַרן פאַקט, אַז דער אימפּעריאַליסטישער שלום, דער שענדלעכער ווערסאַלער „שלום", האָט ניט נאָר ניט אָפּגעשאַפט די אימפּעריאַליסטישע קאָנקורענץ, אָדער זי מילדער געמאַכט, נאָר פאַרקערט — ער האָט געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר דער פאַרשאַרפונג פון די אַלערלייאיגע אימפּעריאַליסטישע קאָנקורענצן און עקאָנאָמישע ראַנגלערייען.

די אימפּעריאַליסטישע מלחמה האָט באַשאַפן דעם אימפּעריאַליסטישן

שלום. זי האט ניט געקאנט שאפן קיין אנדער מין שלום. דאס איינציג לאנד, וואס האט זיך געשטעלט פאר אן אנדער מין שלום, פאר אן אמת'ן, ניט־אימפעריאליסטישן שלום איז געווען דאס לאנד פון דער זיגרייכער פראָ־לעטארישער רעוואָלוציע אין רוסלאנד, אונטער דער פירערשאפט פון דער קאמוניסטישער פארטיי. און דאס באשטעטיגט אונזער הויפט־פונקט, אז בלויז דורך אומווארפן דעם קאפיטאליזם קאנען מיר איינשטעלן אמת'ן שלום און גלייכהייט צווישן פעלקער.

די אימפעריאליסטישע מלחמה איז געווען א מלחמה, וואס די אימ־פעריאליסטן זיינען מיט איר אויסן געווען אויפ'ס ניי פאנאנדערצוטיילן די וועלט צווישן די זיגערישע מלוכות. דער ווערסאלער אפמאך האט דעם דאזיגן ציל דורכגעפירט אויף פאפיר. דער ווערסאלער אפמאך האט אבער ניט אפגעשטעלט די קאפיטאליסטישע אנטוויקלונג. ער האט אויך ניט איינגעשטעלט אויף אייביג די כחות־פארהעלטענישן צווישן די פארשיידענע אימפעריאליסטישע מלוכות. דער קאמף צווישן זיי איז אנגעגאנגען ווייטער, מיט איין גרויסן און גוואלדיג־וויכטיגן אונטערשיד: די וועלט פון אימ־פעריאליסטישער עקספלואטאציע און צעטיילונג איז באדייטענד פארשמע־לערט געווארן דורך דעם זיג פון דער ארבעטער רעוואלוציע אין רוסלאנד. א זעקסטל־חלק פון דער וועלט איז אוועקגעשניטן געווארן פון דעם אימפע־ריאליסטישן קאנקורענץ־פעלד. די רעוואלוציאנערע קאמפן פון די קאלא־ניאלע לענדער פאר זייער באפרייאונג מאכן נאך שמעלער די ספערע פון אימפעריאליסטישער עקספלואטאציע. דער רעזולטאט איז — מ ע ר פאר־צווייפלטע און אינטענסיווע קאמפן צווישן אימפעריאליסטן. דער וויכ־טיגסטער פון די דאזיגע קאמפן איז דער קאמף צווישן אמעריקאנער און בריטישן אימפעריאליזם איבער דער אויבערהערשאפט אויף דער וועלט.

די קליין־בירגערלעכע פאציפיסטן איגנארירן דאס אלץ. נאך א זאך, וואס זיי איגנארירן, איז דער פאקט — ד ע ר ו ו י כ ט י ג ס ט ע ר פ א ק ט — אז די וועלט היינט־צו־טאג איז א סך מער קריגעריש ווי פאר דער „לעצטער" אימפעריאליסטישער מלחמה. פריער פאר אלץ און הויפט־זעכלעך נעמט זיך דאס פון דער געפאר פון א קאפיטאליסטישער מלחמה געגן סאוועטן פארבאנד. דאס איז א „נייער" סארט מלחמה, וואס האט ניט געקאנט פארקומען פאר 1917, ווען די רוסישע ארבעטער האבן עטאב־לירט זייער הערשאפט. צו דער דאזיגער מלחמה — מיליטערישע אינטער־ווענציע אין סאוועטן פארבאנד — גרייט זיך דער קאפיטאליזם מיט אלע זיינע כחות. דער אמעריקאנער קאפיטאליזם שפילט דא א פירענדע ראָל. צווייטנס, איז די קאפיטאליסטישע וועלט היינט מער קריגעריש ווי פריער דערפאר, וואס די אימפעריאליסטן פירן און גרייטן מלחמות געגן די רע־וואלטירענדע קאלאניאלע פעלקער. דער אמעריקאנער, בריטישער און פראנ־צויזישער אימפעריאליזם פירן איצט אן אזעלכע מלחמות אין כינע; אזא מלחמה פירט איצט דער בריטישער אימפעריאליזם אין אינדיע; דער פראנ־צויזישער אימפעריאליזם — אין אינדא־כינע און מאראקא; דער אמערי־קאנער אימפעריאליזם — אין די פיליפינען, האיטי, ניקאראגוא, — גרייט

אנצוהויבן אן ענלעכע מלחמה געגן יעדן פאלק אין לאטײנישער אמעריקע, וואס שטייט אויף געגן אויסלענדישער אונטערדריקונג. דאס זיינען אויך „נייע" מינים מלחמה, וואס זיינען ניט געווען אזוי כאראקטעריסטיש פאר דעם קאפיטאליזם ביז דער מלחמה „צו מאכן א סוף צו מלחמות".

די דאזיגע מלחמות ווערן געשאפן דורך דעם אימפעריאליזם און זיינען אן ארגאנישער טייל פון דעם אימפעריאליזם אין דער איצטיגער עפאכע, ווען דער וועלט־קאפיטאליזם גייט אונטער און עס וואקסט די וועלט־רעוואלוציע. בלויז די פראלעטארישע רעוואלוציע געגן קאפיטאליזם וועט מאכן א סוף צו מלחמה און איינשטעלן שלום אויף דער וועלט. די אילוזיעס, וואס די קליין־בורזשואזע פאציפיסטן פארשפרייטן, זיינען געפערלעך גראד דערמיט, וואס זיי פאראליזירן דעם ווילן פון די מאסן צו באקעמפן די אמת'ע און איינציגע אורזאך פון מלחמה און העלפן אזוי ארום די אימפעריאליסטן אנצוגיין מיט זייער פארברעכערישער שפיל.

נאך א געפערלעכע אילוזיע, וואס עס פארשפרייט דער קליין־בירגערלעכער ליבעראלער פאציפיזם איז דער געדאנק, אז א אימפעריאליסטישע מלחמה קאן באקעמפט ווערן בלויז דורך פרידלעכע ניט־גוואלדזאמע מיטלען. מיר ריידן דא ניט וועגן אזוינע געשווארענע פריידיגער פון פרידלעכן קאמף און ווידערשטאנד געגן מלחמה, ווי די אפיציעלע קירך. די היפאקריטישע פריידיגונג פון דער קירך און פון ענלעכע אגענטורן איז דורך און דורך פויל און עיפוש'ט ביז צום הימל. די גלחים פארדאמען די גוואלד־מיטלען פון די מאסן אין זייער קאמף געגן מלחמה און קאפיטאליסטישער עקספלואטאציע אין דער צייט ווען זיי גיבן זייער ברכה פאר דער גוואלד־ארבעט פון אימפעריאליסטישער מלחמה און קאפיטאליסטישער דיקטאטור. מיר ריידן דא אויך ניט וועגן דעם „פאסיוון, ניט־גוואלדזאמען" שווינדל פון גאנדי, וועלכער האט אליין צוגעגעבן, אז ער האט געהאלפן דעם בריטישן אימפעריאליזם צו מאביליזירן און צו טרייבן אינדישע ארבעטער און פויערים צו דער שחיטה פון 1914-1918, כדי צו ראטעווען די בריטישע אימפעריע. אזעלכע פריידיגער פון „פרידלעכע מיטלען" זיינען פעיקערס.

דער זעלביגער גאנדי, וואס האט געשיקט טויזענטער אינדישע ארבעטער און פויערים צו זייער טויט אויף צו ראטעווען די בריטישע אימפעריע; וואס האט עטלעכע מאל פארראטן די נאציאנאלע רעוואלוציע אין אינדיע, כדי ניט צו דערלאזן, אז די מאסן זאלן זיך באפרייען פון דעם בריטישן יאך; וואס האט זיך אפגעזאגט א ריר צו טאן מיט א פינגער אויף צו ראטעווען די אינדישע ארבעטער און רעוואלוציאנערן, וואס זיינען לעצטנס דערמארדעט געווארן פון בריטישן אימפעריאליזם, — אט־דער פארשוין גאנדי, וועמען די פאציפיסטן טראגן אויף די הענט, איז א שווינדלערישער פריידיגער פון ניט־גוואלדזאמקייט. אין דער אמת'ן איז ער א פארטרעטער פון די אינדישע קאפיטאליסטן און פריצים, וואס אונטערדריקן דורך גוואלד־מאכט די אינדישע ארבעטער און פויערים. אין דער אמת'ן האט ער בלויז געשלאסן א מסחר מיט'ן בריטישן אימפעריאליזם, לויט וועלכן די

אינדישע עקספּלואַטאַטאָרס זאָלן געמיינשאַפטלעך און צוזאַמען מיט דעם בריטישן אימפּעריאַליזם ווייטער עקספּלואַטירן, רויבן און מאָרדן די אינדישע מאַסן מיט דער הילף פון דער אַרמיי, פּאָליציי, שפּיאָנען און אַלע אַנדערע מיטלען פון גוואַלדזאַמער אונטערדריקונג.

מיר וועלן דאָ ריידן וועגן די, וואָס גלויבן אויפריכטיג אין פרידלעכקייט, אין ניט־גוואַלדזאַמקייט; וועגן די, וואָס גלויבן ערנסט, אַז מלחמה קאָן באַקעמפט ווערן בלויז דורך „צוריקהאַלטן זיך" פון נעמען אײנטייל אין מלחמה. דאָס איז ווידער אַ אילוזיע, אַ געפערלעכע אילוזיע.

לאָמיר אַנאַליזירן די פראַגע און זען וואוהין זי פירט אונז. אַזוי לאַנג ווי דער מעטאָד פון „צוריקהאַלטן זיך" פון מלחמה, דאָס הייסט, זיך אָפּזאָגן צו טראָגן געווער און אויף וועלכן ס'איז אופן זיך באַטייליגן אין דער מלחמה, ווערט אָנגעווענדט פון אַ קליינער צאָל איינצעלנע מענטשן, איז דאָס, פאַרשטייט זיך, ניט קיין אָפּהאַלט געגן די מלחמה־מאַכער און געגן דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה. די דערפאַרונג מיט די „געוויסנהאַפטע אויסזעצער", די „קאָנשיענשאָס אָבדזשעקטאָרס" אין דער לעצטער מלחמה האָט דאָס גאַנץ קלאָר באַוויזן. נאָך מער — דאָס, וואָס עטלעכע הונדערט צי אַ פּאָר טויזענט אַזעלכע „אויסזעצער" ווערן אַריינגעזעצט אין די קאַפּיטאַליסטישע טורמעס אין דער צייט פון מלחמה, איז אַפילו אַ הילף פאַר די אימפּעריאַליסטן, ווייל דאָס באַרואיגט אַ סך אויפגערודערטע געוויסנס אויף דעם שלאַכט־פעלד און טעמפּט אָפּ דעם ווילן פאַר מער ווירקזאַמען ווידערשטאַנד.

אָבער די פּאַציפיסטן וועלן זאָגן: לאָמיר פאַרשפּרייטן דעם דאָזיגן מעטאָד פון צוריקהאַלטן זיך פון מלחמה צווישן די מאַסן; לאָמיר דאָס פאַרוואַנדלען אין אַן אמת'ן אָפּהאַלט געגן מלחמה. אונזער ענטפער איז: אויב די מאַסן, דאָס הייסט — די מיליאָנען, זאָלן אַלע מיטאַמאָל אָננעמען דעם דאָזיגן מעטאָד פון צוריקהאַלטן זיך פון מלחמה, וואָלט געמוזט פּאַסירן איינע פון צוויי זאַכן. אָדער דער הערשענדער קלאַס און זיין רעגירונג וועט באַווייזן צו ברעכן דעם ווילן פון די מאַסן דורך דער אָנווענדונג פון אַלע מיטלען פון גוואַלד־מאַכט, אָדער די מאַסן וועלן אַריבערגיין פון פרידלעכן, פּאַסיוון ווידערשטאַנד צו אַ מיליטאַנטער, גוואַלדזאַמער אַטאַקע און ברעכן דעם קאַפּיטאַליזם. אין דעם ערשטן פאַל געווינט דער קאַפּיטאַליזם און די מלחמה ווערט פאָרטגעזעצט ביז די מאַסן שטייען אויף אויף אַ רעוואָלוציאָנערן אופן. אין דעם צווייטן פאַל געווינען די מאַסן און די אימפּעריאַליסטישע מלחמה ווערט אָפּגעשטעלט דורך דעם, וואָס זי ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ בירגער־קריג געגן קאַפּיטאַליזם, און דער קאַפּיטאַליזם ווערט פאַרניכטעט.

אַזוי קומען מיר צום שלוס, אַז אינדיווידועלער פרידלעכער, פּאַסיווער ווידערשטאַנד צו מלחמה איז נוצלאָז, — דאָס שפּילט בלויז אין די הענט פון די אימפּעריאַליסטן. פּאַסיווער מאַסן־ווידערשטאַנד קאָן שפּילן אַ פּאָ־

זיטיווע ראָל אין דעם קאמף געגן אימפעריאַליסטישער מלחמה, אָבער בלויז ווי אן איבערגאַנג צו אן אַגרעסיווער אַטאַקע, אן אויפשטאַנד און אַ רעוואָלוציע געגן קאַפּיטאַליזם.

אָבער כדי דער דאָזיגער איבערגאַנג פון פאַסיוון מאַסן-ווידערשטאַנד געגן מלחמה צו רעוואָלוציאָנערער מאַסן-אַקציע געגן מלחמה און געגן קאַפּיטאַליזם זאָל זיין ווירקזאַם, מוז אזא ווידערשטאַנד אָרגאַניזירט און צוגעגרייט ווערן אַ סך פריער איידער די מלחמה ברעכט אויס. די, וואָס זיינען געגנער אַלט אויף צו דערמאָנען זיך ווען אַמעריקע איז אריינגעטראָטן אין דער אימפעריאַליסטישער וועלט-מלחמה אין 1917, וועלן געדיינקען די כוואַליע פון רעגירונגס-טעראָר און פאַרפאָלגונגען, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן באַלד ווי אַמעריקע האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער מלחמה. זיי וועלן געדיינקען די מאַסן-אַרעסטן פון די מלחמה-געגנער, די אונטערדריקונג פון דער רעוואָלוציאָנערער און אַנטי-מלחמה פרעסע, דעם צעיושעטן הו־הא פון דער קאַפּיטאַליסטישער פרעסע, די לינטש-אַטמאָספערע וואָס איז געשאַפן געוואָרן פאַר די, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו שטיצן די מלחמה, א. אז. וו.

דאָס זעלביגע וועט פאָרקומען ביים אויסבראָך פון דער קומענדיגער מלחמה, אָבער אויף אַ גרעסערן מאַסשטאַב, ווייל די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער באַוועגונג האָט שוין דערגרייכט אַ העכערע שטופע פון אַנטוויקלונג. וואָס פאַר אַן אויסזיכט איז פאַראַן, אונטער אַזוינע אומשטענדן, אַז מיליאָנען מענטשן, וואָס זיינען ניט-אָרגאַניזירט און אָפּגעזונדערט איינער פון אַנדערן, זאָלן אָנהויבן אַלע צוזאַמען דעם פאַסיוון ווידערשטאַנד געגן אימפעריאַליסטישער מלחמה? און וואָס פאַר אַ שאַנס האָבן די דאָזיגע מענטשן אַנטקעגן דעם שרעקלעכן דרוק און אַטאַקעס פון דער רעגירונג מיט אירע אַלע גוואַלד-מיטלען אַריבערצוגיין דערפאָלגרייך פון פאַסיוון ווידערשטאַנד צו אַגרעסיווער, מיליטאַנטער אַטאַקע אָן פריערדיגער לאַנגער צוגרייטונג אָן אַן אָרגאַניזאַציע און אָן אַ רעוואָלוציאָנערער פירערשאַפט? זייער ווייניג שאַנסן, כמעט גאָרניט. די פּאַציפיסטישע אילוזיע, אַז מלחמה קאָן באַקעמפט ווערן דערמיט, וואָס יעדער מענטש באַזונדער וועט זיך אָפּזאָגן פון דינען אין דער מלחמה, איז הוילער אומזין. עס פאַרפירט די מאַסן און העלפט די אימפעריאַליסטן.

מאַסן-ווידערשטאַנד געגן אימפעריאַליסטישער מלחמה, און דאָס איז דער איינציגער סאָרט ווידערשטאַנד, וואָס האָט אַ ממשות, איז מלחמה, בירגער-קריג געגן קאַפּיטאַליזם, רעוואָלוציע. דערצו מוזן די מאַסן דערצויגן און צוגעגרייט ווערן דורך קלאָר באַגרייפן, אַז די אורזאַך פון מלחמה איז דער קאַפּיטאַליזם, און אַז דער קאַפּיטאַליזם מוז אומגעוואָרפן ווערן. פאַר דעם דאָזיגן קאַמף מוזן די מאַסן זיך אָרגאַניזירן אין רעוואָלוציאָנערע קלאַס-אָרגאַניזאַציעס, קודם כל אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און די רעוואָלוציאָנערע יוניאָנס, וועלכע זיינען די איינציגע, וואָס פירן אַן אמת'ן קאמף געגן אימפעריאַליסטישער מלחמה.

אימפעריאַליסטישע מלחמה וועט ניט אָפּגעשטעלט ווערן — שוין אָפּגערעדט פון אָפּשאַפן זי — דורכדעם וואָס יעדער איינער וועט זיצן מיט

צונויפגעלייגטע הענט. אין צייט פון מלחמה ווייסט דער קאפיטאליסטישער קלאס, אז זיין הערשאפט שטייט אין קאן. ער שטעלט זיך דעריבער ניט אפ פאר קיין זאך כדי צו טעראריזירן די מאסן און זיי אריינטרייבן אין דער שחיטה. אויך די מאסן דארפן זיין גרייט זיך ניט אפצושטעלן פאר קיין זאך צו באזיגן די מלחמה און באזיגן דעם קאפיטאליזם.

דא וועט דער קליין־בירגערלעכער פאציפיסט דערקלערן, אז ער איז געגן י ע ד ע ר מלחמה, אז ער איז פאר שלום אונטער אלע אומשטענדן. ס'איז קלאר, אז אזא שטעלונג העלפט די מלחמה־מאכער און די אימפעריאליסטן. זיכער שטעלט דאס ניט אפ די אימפעריאליסטישע מלחמה. אזא שטעלונג דעמאראליזירט בלויז די מאסן און העלפט די אימפעריאליסטישע רעגירונגען צו טרייבן די מאסן צו דער שחיטה. דאס זעלבינע איז ריכטיג וועגן קלאסן־קאמף אין יעדן לאנד. פאציפיסטישע פריידיגער שטעלן ניט אפ די קוילן־און אייזן־פאליציי, די פענסילווייניע סטייט טרופערס און די קאמפאני־גענגסטערס אין בונד מיט די פייקערס פון דער יונייטעד מיין ווארקערס יוניאן פון מארדן און אטאקירן מיט גאז־באמבעס די סטרייקענדיגע מיינערס מיט זייערע ווייבער און קינדער. אבער ווען די מיינערס זאלן נעמען ערנסט אזוינע פריידיגער, — וואס, צום גליק טוען זיי דאס ניט — וואלטן זיי פון סאמע אנהויב פארלארן זייער קאמף פאר ברויט.

מלחמות פון אימפעריאליסטישע רעגירונגען זיינען מלחמות פון אונטערדריקונג און רויב. מיליטערישע אינטערווענציע געגן סאוועטן פארבאנד איז מלחמה געגן די הארעפאשנע מאסן פון דער גאנצער וועלט. אזא מלחמה איז א פארברעכן געגן דעם ארבעטער־קלאס און געגן אלע אונטערדריקטע און עקספלואטירטע. אזוינע מלחמות מוזן פארדאמט און באקעמפט ווערן אויף א רעוואלוציאנערן אופן.

אבער די קלאס־מלחמה פון די מאסן געגן זייערע עקספלואטאטארס, די מלחמות פון די אונטערדריקטע קאלאניאלע פעלקער פאר זייער באפרייאונג און נאציאנאלער זעלבסטשטענדיגקייט, — כינע, אינדיע, ניקאראגוא, — די רעוואלוציאנערע מלחמה געגן אימפעריאליסטישער מלחמה און פאר דער פארטיידיגונג פון סאוועטן פארבאנד, — דאס זיינען מלחמות פון באפרייאונג, די איינציגע האפנונג פון די הארעפאשנע מאסן און פון דער גאנצער מענטשהייט צו מאכן א סוף צו די יסורים און אומקומעניש, וואס די קאפיטאליסטישע סיסטעם טיילט זיי צו.

קליין־בירגערלעכער פאציפיזם דריקט אויס דעם שרעק און דעם עקל צו אימפעריאליסטישער מלחמה צווישן קליין־קאפיטאליסטן, וואס שטייען צווישן די גרויס־קאפיטאליסטן און דעם ארבעטער־קלאס. אבער דער דאזיגער פאציפיזם דריקט אויך אויס דעם שרעק פון דער קליין־בורזשואזיע פאר דעם רעוואלוציאנערן קאמף פון דעם ארבעטער־קלאס געגן אימפעריאליסטישער מלחמה און געגן קאפיטאליזם. דאס איז א פילאזאפיע פון שרעק און מאכטלאזיגקייט. דאס איז ניט די פילאזאפיע פון דעם ארבעטער קלאס.

די פילאָזאָפיע פון דעם ארבעטער קלאַס איז **לעניניזם**, די לערע פון בירגער־קריג געגן אימפעריאַליסטישער מלחמה, פאַר דער פאַרניכטונג פון קאַפּיטאַליזם און דער עטאַבלירונג פון דער הערשאַפט פון דעם ארבעטער־קלאַס.

7.

די קירך בענטשט אימפעריאַליסטישע מלחמה און מיליטערישע אינטערווענציע

אַ באַשטימטע צעטיילונג פון ארבעט איז איינגעאָרדנט צווישן די קאַפּיטאַליסטישע רעגירונגען אויף איין זייט און דער קירך אויף דער אַנדערער זייט. די קאַפּיטאַליסטישע רעגירונגען באַנוצן זייער אַרמיי, פּאָליציי, געריכטן און טורמעס אויף צו האַלטן **דעם גוף** פון ארבעטער צוגעשמידט צו דער איצטיגער סיסטעם. די קירך באַנוצט זיך מיט רעליגיעזער פּריידיגונג מיט די שרעקן פון גהינם, מיט צוזאָגן פון אַ גן עדן, א. אַז. וו. אויף צו האַלטן **די נשמה**, דעם גייסט פון ארבעטער צוגעשמידט צו דער איצטיגער סיסטעם.

די „מעטאָדן“ פון דער קירך זיינען דעריבער עטוואָס אַנדערע ווי די מעטאָדן פון דעם פּאָליסמאַן, ריכטער אָדער גאָווערנאָר. זיי פאַרפאָלגן אָבער אָבער דעם זעלביגן ציל. זיי דינען דעם זעלביגן מייסטער — די רייכע, די קאַפּיטאַליסטן, די עקספּלואַטאַטאָרס.

די ראָל פון דער קירך אין דער לעצטער אימפעריאַליסטישער מלחמה

שלום איז אַ וואָרט וואָס גייט ניט אַראָפּ פון די ליפּן פון די גלחים און קירך־לייט, — שלום און גוטער ווילן. דער שלום וואָס די קירך פּריידיגט איז אָבער אַ פינצטערער און געפערלעכער, דאָס איז דער שלום פון **אונטערגעבן** זיך דער קאַפּיטאַליסטישער און אימפעריאַליסטישער עקספּלואַטאַציע. דאָס איז דער שלום וואָס פּריידיגט צו די באַרויבטע מאַסן, אַז זיי זאָלן מקבל זיין באהבה די אימפעריאַליסטישע סיסטעם פון רויב און אונטערדריקונג. די קירך איז פאַר שלום, אָבער בלויז אויף איין זייט, אויף דער זייט פון די עקספּלואַטירטע מאַסן.

די קירך דערלויבט זיך פון צייט צו צייט אַרויסצוקומען מיט אַ וואָרנונג און אַ פאָרוואורף אויך צו דעם הערשער־קלאַס. זי רעדט אפילו וועגן די ליידן און דעם הונגער פון די מאַסן. זי טוט דאָס אָבער נאָר דאַמאָלט ווען די מאַסן גופא גיבן זיך אַ רודער אויף צו קריגן בעסערע באַדינגונגען, ווען די קירך פילט, אַז דער קאַפּיטאַליזם איז אין געפאַר אומגעוואָרפן צו ווערן דורך די רעוואָלוציאָנערע קאַמפן פון די ארבעטער מאַסן. דאַמאָלט הויבט די קירך אָן צו ריידן, אָבער מיט **צוויי שטימען**. די שטים צום הערשער־קלאַס איז ווייך, מילד און אנגענעם און ציט אויפמערקזאַמקייט צו דער געפאַר וואָס שטייט פאַר ביידן, פאַר דער קאַפּיטאַליסטישער רעגירונג און דער קאַפּיטאַליסטישער קירך. די צווייטע שטים איז געווענדעט צו די מאַסן. די דאָזיגע שטים איז שטריינג, כעס'דיג און דראָענדיג. זי באַנוצט

אלע שרעקן פון „גאָט און קיסר" אויף אָפצוהאלטן די מאסן פון קאמף און צו ראַטעווען די סיסטעם פון הונגער און קאפיטאליסטישן טעראָר.

וואָס האָט די קירך געטאָן אין דער אימפעריאליסטישער שחיטה פון 1914־1918 ? די וואָס זיינען געגנוג אַלט אויף צו געדיינקען די מלחמה, געדיינקען אַלע, אַז די קירך פון א ל ע ר ע ל י ג י ע ס א ו ן ס ע ק־ ט ע ס האָט געגעבן אַ ברכה דער מלחמה און געטאָן איר חלק אויף צו געווינען די מלחמה פאַר דעם קאפיטאליסטישן קלאַס אין יעדן לאַנד.

פאַרשטייט זיך, אַז די קירך האָט דאָס געטאָן אויף איר „אייגענעם" שטייגער, ווי עס פאַסט פאַר אַ קירך. זי האָט, צום ביישפּיל, נים געקלאַפּט מיט דער שווערד, ווי דאָס טוען גענעראַלן, ווייל דער אינסטרומענט און דער מעטאָד פון דער קירך איז נים דער שווערד, נאָר „גאָט". „רעליגיע", „נים שטעלן זיך אַנטקעגן גוואַלד־מאַכט", און „געהאָרכזאַמקייט צו די געזעצ־לעכע אויטאָריטעטן". פאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיגע איבערצייגונגס־מעטאָ־דען פון דער קירך זיינען געמאַכט געוואָרן אַ סך גרינגער מיט דער הילף פון דער „וועלטלעכער" האַנט פון קאפיטאַליזם, מיט זיין עולם־הזה'דיגער סיסטעם פון אונטערדריקונג, ווי די אַרמיי, די פּאָליציי, די געריכטן און די טורמעס, וואָס זיינען שטענדיג צו דער האַנט און שטייען נים ווייט אין הינטערגרונד.

די קירך האָט אויך אַ סך „געזיפצט" און „געטרויערט". איז זי דען נים די טרעגערין פון קאפיטאליסטישן געוויסן ? זי האָט גערעדט וועגן דער זינד פון מלחמה „אין אַלגעמיין". זי האָט גערעדט וועגן איר פאַר־דאַמונג פון בלוט־פאַרגיסונג, אויך אין אַלגעמיין. זי האָט אָבער שטאַרק אַכטונג געגעבן אין דער זעלביגער צייט, אַז די אַ נ ג י י ע נ ד י ג ע אימ־פעריאליסטישע מלחמה זאָל פאַרטגעזעצט ווערן און געוואונען ווערן פאַר דעם קאפיטאליסטישן קלאַס פון א י ר ל א נ ד. די קירך מיט אירע כּלי קודש זיינען געווען די ווירקזאַמסטע הילף־אַגענטור פון דעם קריגס־דעפּאַרטמענט אין יעדן אימפעריאליסטישן לאַנד אין דער לעצטער מלחמה.

זי האָט געגעבן איר ברכה צו די וואָפן פון איר לאַנד. זי האָט געבעטן גאָט צו ברייינגען זיג צו די דאָזיגע וואָפן. אירע גלחים און קאַפּלאַנען מיט די אַרמייען אויפן שלאַכטפעלד האָבן אויפגעהאַלטן די „מאָראַל", די שטי־מונג און די דיסציפּלין פון די סאָלדאַטן, און געמאַכט „גרינגער" פאַר די אַרבעטער און פּויערים צו שטאַרבן פאַרן אימפעריאליזם. אין דער היים האָט די קירך דעמאָראַליזירט די מוחות פון די אינדוסטריעלע און אַגראַרע רעקרוטן אויך דורך אויפהאַלטן זייער „מאָראַל", זייער לאָיאַליטעט צום אימפעריאַליזם. ווייבער, טעכטער, געליבטע און מוטערס זיינען „גע־טרייסט" געוואָרן, אַז זיי זאָלן זיין צופרידן מיט דער גסיסה פון זייערע ליבע אויף די שלאַכטפעלדער. די קירך האָט זיי „באַרואיגט" מיט דעם טויטלעכן אָפּיאום פון רעליגיע און „געטלעכער" טרייסט.

די קירך האָט געטאָן איר חלק. זי האָט זיך נאָכאַמאָל באַרעכטיגט ווי דער „גייסטיגער אָרעם" פון דער קאפיטאליסטישער דיקטאַטור. זי האָט געהאָלפן געווינען די מלחמה פון 1914־1918 פאַר מאָרגאַן און קאָמפּאַני.

דער „קרייץ־צוג" פון דער קירך געגן סאָוועטן פארבאנד

די קירך בלייבט שטענדיג געטריי צו אירע קאפיטאליסטישע און אימ־פעריאליסטישע הארן. ווען דער פראנצויזישער גענעראל שטאב האָט גע־האַלטן אין אָנצייכענען זיינע פּלענער פאר א קאמפאניע פון מיליטערישער אינטערווענציע געגן סאָוועטן פארבאנד, פריער אויף 1930 און דערנאָך — אין 1931, האָט די קירך אָנגעפירט א „גייסטיגע" קאמפאניע פון פארלוימ־דונג און העצע געגן סאָוועטן פארבאנד, ווי א פ אַ ר ב ע ר י י ט ו נ ג צו מיליטערישער אינטערווענציע. ס'איז געווען א מין גיפט־גאז אטאקע אויף די מוחות פון די מאסן אויף צו פריטשמעליען זייער פייאיגקייט צו טראכטן פאר זיך אליין, כדי די קאפיטאליסטישע רעגירונגען זאָל אָ נ ק ו מ ע ן ג ר י נ ג ע ר אריינצוציען די מאסן אין דער פארברעכערישער אונטערנעמונג.

דער רוימישער פּאפּסט און דער בישאָף פון קאנטערבערי זיינען די הויפּט־פירער פון דעם „קרייץ־צוג" געגן די האַרעפאשנע מאסן אין סאָוועטן פאַרבאַנד. אָבער אלע קירכן באטייליגן זיך אין דעם „קרייץ־צוג". עס באטייליגן זיך אויך די לייבאָר פייקערס, די „סאָציאליסטישע" פאררעטער און אלע רעאקציאָנערע אימפעריאליסטישע כחות. די קאמוניסטישע רענע־גאטן — לאָווסטאָון און קענאָן — טוען זייער חלק ארבעט לויט זייערע אייגענע „מעטאָדן".

דער פּאפּסט און דער בישאָף קעמפן פאר „גאָט", וועלכער איז אראָפּ־געזעצט געוואָרן פון טראָן אין סאָוועטן פארבאנד. זיי רופן דעריבער צו א „הייליגער" מלחמה, כדי צוריק אוועקצוזעצן גאָט אויף זיין פריערדיגן טראָן און פ אַ ר ב י י ג י י ע נ ד י ג — אויך צוריק צו קערן דעם קאפּי־טאליזם און דעם אימפעריאליזם צו זייערע פריערדיגע מאכט־פּאָזיציעס.

אָט־דער „פארבייגייענדיג" איז דער טשוואָק פון דעם גאנצן קרייץ־צוג. דער קאָמוניזם און דער זיגרייכער קאמף פאר סאָציאליזם אין סאָוועטן פארבאנד איז א געפאר פאר דער עקזיסטענץ פון קאפיטאליזם און אלע זיינע אינסטיטוציעס פון פיזישער און „גייסטיגער" אונטערדריקונג. די קירך־אָנפירער קעמפן פאר זייערע פריווילעגיעס, פאר זייער גרינגן פּאראזיטישן לעבן, פאר אויפהאלטן דעם קאפיטאליזם.

דערפון נעמט זיך דער קרייץ־צוג געגן סאָוועטן פארבאנד. ס'איז א „גייסטיגער קרייץ־צוג", איר הערט דאָרט אָבער גאנץ קלאָר די שטים פון אָפיציעלע פּאציפיסטישע מאַנעווערס פון די אימפעריאליסטישע רעגירונגען. דעם לענדלאָרד און דעם קאפיטאליסט. איר זעט זייער קלאָר די פארצופים פון די רוסישע ווייס־גוואַרדייער און די פרעטענדענטן אויף דעם פארניכ־טעטן טראָן פון ניקאָלאַי דעם צווייטן. איר זעט דאָרט אויך די גרויסע באנקירן און טראַסטס פון די אימפעריאליסטישע לענדער, וואָס מאכן פאר־שווערונגען אויף צוריק צו ברייננגען די האַרעפאשנע מאסן פון סאָוועטן פארבאנד אונטער'ן יאָך פון קאפיטאליזם און דער קירך.

דער שווינדלערישער פּאציפיזם פון דער קירך

ס'איז קלאָר אז דער „פּאציפיזם" פור דער קירך איז ניט מער ווי א פייק און שווינדל. איר אַזוי־גערופענע געגנערשאפט צו מלחמה און פריי-

דיגונג פון „אנטוואפענונג" איז פון דעם זעלביגן היפאקריטישן מין ווי די אפיציעלע פאציפיסטישע מאנעווערס פון די אימפעריאלסטשע רעגירונגען. די קירך העלפט די רעגירונגען באהאלטן די צוגרייטונגען צו מלחמה און מיליטערישער אינטערווענציע.

דאס שטייט ניט אין קיין ווידערשפרוך צום פאקט, וואס די קירך איז אקטיוו באשעפטיגט אין פארשיידענע באוועגונגען פאר שלום און אינטער־נאציאנאלן „גוטן ווילן". פארקערט, וואס מער די קירך רעדט וועגן שלום, אלץ זיכערער קאנען זיך די אימפעריאליסטישע רעגירונגען צוגרייטן צו מלחמה.

באזונדער שעדלעך און געפערלעך זיינען די אזוי־גערופענע ליבעראלע קירך־לייט, וואס זוכן צו פארדעקן דעם רעאקציאנערן תמצית פון דער קירך מיט הומאניטארישע און פאציפיסטישע פראזן. אזוי ארום האפן זיי צו קאנען האלטן די מאסן צוגעבונדן צו דער קירך כדי זי זאל קאנען דינען ווירקזאם ווי דער גייסטיגער שומר פון קאפיטאליזם און רעאקציע.

איינער פון אזוינע קירך־לייט איז טשארלז ע. דזשעפערסאן, פארטרעטער פון דעם „וועלט פארבאנד פאר אינטערנאציאנאלער פריינדשאפט דורך די קירכן". ער פריידיגט פאציפיזם פון דעם קירכלעכן מין. זיין ערשטע ארבעט איז דעריבער צו פאראליזירן דעם ווילן פון די מאסן צו קעמפן קעגן מלחמה. ער זאגט אז באלשעוויזם און קאמוניזם זיינען „שעדלעך און טויטלעך". שעדלעך און טויטלעך פאר דעם קאפי־טאליזם און אימפעריאליסטישער מלחמה—פארשטייט זיך! אבער דאס זאגט ער ניט. אנשטאט דאס צו זאגן, שפילט ער אויס א סימפאניע פון דעם „גייסט", דעם „גייסט פון גוטן ווילן וואס שטרעבט צו דערגרייכן זיינע צילן ניט דורך גוואלד־מאכט, נאר דורך חסד און איידלקייט".

און פאר וועמען שפילט ער אויס די דאזיגע סימפאניע? ניט פאר די אימפעריאליסטישע מלחמה־מאכער, ניט פאר די קאפיטאליסטן און באנ־קירן, וואס צעשמעטערן אן רחמנות די סטרייקס פון די ארבעטער—ווי אין דעם איצטיגן קוילן־סטרייק — און מארדן און קאליעטשען די סטרייקער, וואס קעמפן פאר ברויט. די באנקירן און קאפיטאליסטן, האלט דער קירך־פאציפיסט, זיינען אלע איידעלע נשמות, וואס זיינען פארבליבט אין שלום. הערט אקארשט:

> „אין באצוג צו באנוצן גוואלד־מאכט, זיינען אלע ארבעטס־געבער, אלע מיטגלידער פון די טשיימבערס אוו קאמערס און אלע מיטגלידער פון די באָ־ארדס אוו טריידס, און אלע דירעקטארן פון די גרויסע קארפאָריישאנס איבער'ן גאנצן לאנד, — אלע זיינען זיי פאציפיסטן (אונטער־שטראכן פון א. ב.)."

אט האט איר עס. דער קירך־פאציפיסט איז ערוב, אז אלע עקספלו־אטאטארס פון די ארבעטער זיינען פאציפיסטן. אויף דער זעלביגער ערבות דארפט איר גלויבן, אז דער שטאל־טראסט, די אמוניציע־פאבריקאנטן און די גאנצע אימפעריאליסטישע באנדע, וואס גרייט צו די קומענדיגע מלחמה,— אז זיי אלע גלויבן ניט אין גוואלד־מאכט. זיי זיינען הונדערט פראצענטיגע

פאציפיסטן. דער שלום איז קלאר: אויב אט־די גאנצע באנדע מערדער און רויבער זיינען פאציפיסטן, דאמאלט איז פאציפיזם נים מער ווי א שירמע אויף צו באהאלטן די מלחמה־צוגרייטונגען, א געצייג פון אימפע־ריאליסטישער מלחמה־צוגרייטונג פונקט ווי קריג־שיפן, גיפט גאז, מיליטע־רישע עראפלאנען, א. אז. וו. און אט־דאס פארטיידיגט טאקע דער קירך־פאציפיזם.

איינינגע קירכן נעמען אפילו אויף זיך די אויפגאבע צו ריידן געגן אימפעריאליזם. אבער ווי אזוי? הערט זיך צו צו דער „נאציאנאלער קאמיסיע איבער קירכן און וועלט־שלום”. נאכדעם ווי זי האט פארטייטשט אימפעריאליזם ווי „דער קאנטראל איבער דעם פאלק פון איין לאנד דורך אן אויסלענדישער מאכט”, זאגט די קאמיטע אט־וואס:

„ס'איז קלאר, אז דער דאזיגער קאנטראל פון דרויסן קאן אנגעפירט ווערן אויף אן אופן וואס איז קאנסטרוקטיוו און ברייננגט נוצן פאר אלע צדדים, אדער ער קאן גענוצט ווערן ווי אן אינסטרומענט פון אומגערעכטיגקייט און עקספלואטאציע” (אונטערשטראכן פון א. ב.).

די דאזיגע קירך־פאציפיסטן זיינען נים געגן אימפעריאליזם. זיי זיינען בלויז געגן „שלעכטן” אימפעריאליזם. אבער דאס איז אומזין. אימ־פעריאליזם איז אימפעריאליזם. ס'איז רויב, פלינדערונג, מארד און עקס־פלואטאציע אויפן חשבון פון די קאלאניאלע פעלקער. די הערשאפט פון אמעריקאנעם אימפעריאליזם אין לאטיינישער אמעריקע קאן נים געמאכט ווערן ניצלעך סיי פאר דער „יונייטעד פרוט קאמפאני” און סיי פאר די אגריקולטורעלע ארבעטער און פויערים, וועמען זי עקספלואטירט. די פעלקער פון די קאריבייער לענדער ווילן נים קיין גוטע און נים קיין שלעכטע אמעריקאנער הערשאפט. זיי ווילן, אז דער יענקי אימפעריאליזם זאל גיין צום טייוול און זיך אפטראגן פון זייערע לענדער. און זיי זיינען גאנץ גערעכט.

אבער דער קירך־פאציפיסט האט א מיסיע דורכצופירן. ער דארף צוגעבן א זיסן טעם צו דער אמעריקאנער אימפעריאליסטישער הערשאפט איבער די עקספלואטירטע מאסן אין די קאלאניעס, און ער דארף אפנארן די מאסן אין די אימפעריאליסטישע לענדער בנוגע דער אמת'ער טבע פון אימפעריאליזם. אין דעם ערשטן פאל העלפט ער ברעכן די קאלאניאלע אויפשטאנדן. אין דעם צווייטן פאל העלפט ער מאביליזירן די מאסן פאר אימפעריאליסטישער מלחמה דורך „ווייכער” מאכן זייער געגנערשאפט צום אימפעריאליזם.

קירך „סאציאליזם” איז א מלחמה־מיטל

די קירך נעמט אויף זיך די אויפגאבע צו באקעמפן אמת'ן סאציאליזם דורך פייק־סאציאליזם. די פראטעסטאנטישע קירכן פון די פאראייניגטע שטאטן ווייזן ווי אזוי דאס ווערט געטאן. דער פאפסט גייט נאך. די סא־ציאליסטישע פארטיי פון אמעריקע באגריסט די „באקערונג” פון דעם פאפסט צום סאציאליזם, בעת די לייבאר פייקערס פילן זיך געשטארקט אין זייער פאררעטערישער ארבעט דורך דער „מאראלישער” שטיצע פון דער קירך.

וואס איז אזוינס דער אזוי־גערופענער קירך־„סאציאליזם”? ס'איז קודם כל א פארזוך צו האלטן צוגעבונדן צו דער קירך די מאסן, וואס שטראמען אוועק פון דער קירך. די קירך נעמט זיך אויספוצן אין פאלשע סאציאליסטישע פעדערן כדי אפצוהאלטן די הונגעריגע, אנטוישטע און רעוואלוציאניזירטע מאסן פון אריבערגיין צום אמת'ן סאציאליזם, צום סאציאליזם וואס ווערט געבויט אין סאוועטן־פארבאנד.

אבער מער פאר אלץ איז אט־די „באקערונג” פון דער קירך צום סאציא־ליזם — א מלחמה־מיטל. ס'איז א מיטל אויף אויפצולעבן דעם קרייץ־צוג פון דער קירך געגן סאוועטן־פארבאנד. די קירך האט אויסגעפונען, אז זי קאן ניט אויפהויבן די מאסן געגן סאוועטן פארבאנד אין נאמען פון גאט און קאפיטאליזם. דעריבער זוכט זי דערגרייכן די זעלביגע רעזולטאטן אין נאמען פון סאציאליזם. די קירך זוכט צו פארריכטן איר געשעדיגטן פרעסטיזש צווישן די מאסן און דערמיט פארשטארקן דעם קאפיטאליזם און די אימפעריאליסטישע מלחמה־צוגרייטונגען.

מעטיו וואל — א פירענדער לייבאר־פייקער, מלחמה־פריידיגער און אינ־טערווענציאניסט — רייבט זיך צופרידן די הענט. ריידנדיג וועגן דעם לעצטן „ענציקליקאל” (ווענדונג צו דער וועלט) פון דעם פאפסט, האט ער געזאגט:

> „אי שטויך זיינע מיינונגען, אז ניט קאפיטאל און ניט ארבעט האט ניט קיין רעכט צו פאדערן די גאנצע פרוכט פון זייער געמיינזאמער ארבעט”.

וואל גיט ספעציעל אכטונג, אז דער חלק פון די קאפיטאליסטן זאל ניט פארקלענערט ווערן.

די סאציאליסטישע פארטיי פון אמעריקע, ריידנדיג דורך וואלדמאנ'ען, זאגט:

> „מיר באגריסן דעם פאפסט'ס באקערונג צו אונזער לערע וועגן ארבעט”.

אזוי זעען מיר ווי ס'עקזיסטירט א הארמאניע און איינשטימיגקייט צווישן דער קירך, די לייבאר פייקערס און דער סאציאליסטישער פארטיי אין דער ארבעט פון אפנארן די הארעפאשנע מאסן, אין דער ארבעט פון אויס־ברוקירן א וועג פאר אימפעריאליסטישער מלחמה און מיליטערישער אינ־טערווענציע אין סאוועטן־פארבאנד.

8.

אימפעריאליסטן רייצן אויף די פארמער צו מלחמה

די אימפעריאליסטן איבער דער גאנצער וועלט ארבעטן „אווערטיימ” אף צו קריגן די שטיצע פון די פארמער אין דער קומענדיגער מלחמה, ספע־ציעל אין דער מיליטערישער אינטערווענציע געגן סאוועטן פארבאנד.

ווען מיר ריידן וועגן די פארמער אין די פאראייניגטע שטאטן מיינען מיר ניט די רייכע פארמער, די פארם־קאפיטאליסטן. די דאזיגע גרופע פארמער, וואס זיינען א קליינע מינאריטעט פון דער פארם־באפעלקערונג, זיינען אליין עקספלואטאטארס. זיי זיינען א טייל פון דעם זעלביגן קאפי־טאליסטישן קלאס, וואס זיין סיסטעם איז פאראנטווארטליך פאר דעם

קריזיס און ליידן פון די מאסן, און וואָס זייער רעגירונג גרייט צו מלחמות און מיליטערישע אינטערווענציע.

די פארמער וועגן וועלכע מיר ריידן זיינען די אָרימע פארמער, די עקספּלואטירטע פארמער, די פארמער וואָס ווערן בארויבט און רואינירט פון די גרויסע לאַנד־באַזיצער, פון די טראַסטס און די ביינק. זיי זיינען די ריזיגע מערהייט פון דער פארמער־באפעלקערונג אין אמעריקע. און די מערהייט פון זיי באשטייט פון לאנדלאָזע טענאַנטס, וואָס געפינען זיך אין די סטייטס פון דער סאוט, אין א צושטאנד פון פאקטישער פאנשטשיזנע, ספּעציעל די נעגער טענאנט־פארמער. נאָך די לאנדלאָזע טענאנטס קומט א גרויסע און אלץ שטייגנדיגע צאָל באנקראָטירטע פארמער, וואָס זייער שווער־„פארמאָרטגעדזשט" לאַנד איז פאר זיי א לאַסט מער ווי א הילף. גראַד אָט־די אָרימע און עקספּלואטירטע פארמער זוכן די אימפּעריאליסטן ארייַנצושלעפּן אין מלחמה און מיליטערישער אינטערווענציע.

וואָרפט די שולד פון פאַרמער־חורבן אויף סאָוועטישן „דאָמפּינג"

כדי צו באהאַלטן פון די פארמער די א מ ת ׳ע אורזאַך פון זייער חורבן און פארן צוועק פון אויפרייצן זיי צו מיליטערישער אינטערווענציע געגן סאָוועטן־פארבאנד, האָט גרויס־קאַפּיטאַל מיט זיין רעגירונג פון הואוועד און קאָמפּאני צוגעטראַכט דעם ליגן וועגן דעם, אז דער סאָוועטן פארבאנד „דאָמפּט" ווייץ. הואוועד און די גרויסע קאַפּיטאַליסטן, די לייט וואָס זיינען פאראנטוואָרטלעך פאר אלע צרות און ליידן פון די פארמער־מאסן, זוכן פון זיך אראָפּצוּוואַרפן די פאראנטוואָרטלעכקייט פאר דער לאַגע און זייער פארברעכערישע נאכלעסיגקייט צו באזאָרגן ה י ל ף פאר די פארמער, און ארויפוואַרפן די שולד אויפן סאָוועטן פארבאנד. ס׳איז שווער צו גע־פינען נאָך אזא ביישפּיל פון פרעכער אימפּעריאליסטישער היפּאָקריטסטווע.

דער סאָוועטן פארבאנד עקספּאָרטירט תבואה אין א סך א קלענערער מאָס ווי קאנאדע אָדער ארגענטינע. זיכער עקספּאָרטירט דער סאָוועטן־פארבאנד א סך ווייניגער ווי דאָס האָט געטאָן די צארישע רעגירונג פון רוסלאַנד. פארוואָס? ווייל די הויפּט־זאָרג פון דער סאָוועט־רעגירונג, וועלכע איז א רעגירונג פון ארבעטער און פּויערים, איז צו באזאָרגן די באַ־דערפעניש פון די מאסן אין דער היים, די מאסן וואָס ארבעטן און פּראָ־דוצירן לעבנס־מיטלען. די סאָוועט־רעגירונג פארנעמט זיך ניט מיט עקס־פּאָרט צוליב פּראָפיט אָדער כדי אויסצוקאָנקורירן די קאָנקורענטן און פאר־כאפּן זייערע מארקן. דאָס טוען די גרויס־קאַפּיטאַליסטן און די תבואה־ספּעקולאנטן, זיי זיינען עס די „דאָמפּערס", ניט דער סאָוועטן פארבאנד.

דער סאָוועטן פארבאנד עקספּאָרטירט מיט׳ן צוועק אויסצוטוישן סחורות פאר סחורות. ער פארקויפט תבואה און קויפט מאשינעריע. אין אמעריקע קויפט דער סאָוועטן פארבאנד מער ווי ער פארקויפט. דאָס שאפט ארבעט פאר אמעריקאנער ארבעטער, וואָס דרייצן מיליאָן פון זיי זיינען איצט אינ־גאנצן אומבאשעפטיגט אדאנק דעם קאַפּיטאַליסטישן קריזיס. א סך ארבע־

טער קריגן אזוי ארום די מעגלעכקייט צו קויפן מער פּראָדוקטן פון אמעריקאנער אגריקולטור, ווי זיי וואָלטן געקאָנט דאָס טאָן אָן די סאָוועטישע באשטעלונגען אױף מאשינעריע.

איז דאָס „דאָמפּינג"? פאַרשטייט זיך, אז ניין. דער „פעדעראל פאַרם באָרד" און הואָווער האָבן אויסגעטראַכט דעם ליגן וועגן סאָוועטישן „דאָמפּינג" כדי צו פאַרדעקן זייער אייגענעם באנקראָט און פאַרברעכנס געגן די עקספּלואַטירטע פאַרמער.

הואָווער'ס ליגן איז פולשטענדיג אויפגעדעקט געוואָרן אױף דער אינטערנאַציאָנאַלער ווייץ־קאָנפערענץ אין לאָנדאָן, וואָס איז זיך צוזאַמענגעקומען אױף אויסצואַרבעטן מיטלען ווי אזוי זיך איינצואָרדענען מיט דעם „איבעריגן" ווייץ. דער אַמעריקאַנער אָפיציעלער דעלעגאַט, מיסטער מעקעלווי, האָט געהאַט בלויז איין לייזונג פאַר דער פראַגע: אז „די פאַרמער זאָלן באַגרעניצן די פּראָדוקציע". די פאַרמער פון די פאַראייניגטע שטאַטן זיינען גוט באַקאַנט מיט אָט־דעם לידל פון די באַנקירן און ספּעקולאַנטן. די עקספּלואַטירטע פאַרמער הערן שוין דאָס לידל וועגן „פאַרקלענערן דעם אַקער־שטח" און „באַגרעניצן די פּראָדוקציע" פון 1921 אָן, ווען גרויס־קאַפּיטאַל האָט אָנגעהויבן זיין קאַמפּאַניע צו „דעפלאַטירן", איינצושרומפּן די פאַרמער אזוי גוט ווי די ארבעטער. אָבער די פאַרמער האָבן ניט **געקאָנט אָננעמען** און האָבן **ניט אָנגענומען** די דאָזיגע „רפואה" ווייל דאָס האָט געמיינט—נאָר אַ קלענערע איינקונפט און ווייטערע חורבן און פאַרשקלאַפונג אונטערן יאָך פון די ביינק און די ספּעקולאַנטן. בלויז גרויס־קאַפּיטאַל קאָן געווינען פון הואָווער'ס פּראָגראַם פון „באַגרעניצן פּראָדוקציע".

מעקעלווי האָט אויך דערקלערט אױף דער לאָנדאָנער קאָנפערענץ, אז „די פאַראייניגטע שטאַטן וועט זיך ניט באַטייליגן אין קיין שום אינטערנאַציאָנאַלן צונויפזאַמל פון ווייץ". פאַרוואָס? ווייל גרויס־קאַפּיטאַל אין די פאַראייניגטע שטאַטן האָט בלויז דריי צילן אין זינען: איינער איז צו צווינגען די אַמעריקאַנער פאַרמער צו פאַרקלענערן דעם פאַרזיי־שטח, דער צווייטער איז אויסצוקאָנקורירן די געגנער אַפּ'ן וועלט־מאַרק און דער דריטער איז—צו גיין אױף מלחמה געגן סאָוועטן־פאַרבאַנד.

וואָס האָט דער דעלעגאַט פון סאָוועטן פאַרבאַנד פאָרגעשלאָגן? דער סאָוועטן פאַרבאַנד האָט פאָרגעשלאָגן זיך צו פאַראייניגן מיט די אַנדערע ווייץ־עקספּאָרטירנדיגע לענדער אױף צו באַטראַכטן די פראַגע וועגן פאַרשפּרייטן די ווייץ־גערעטעניש פון 1931, אָבער אױף איין באַדינגונג. וואָס איז געווען די באַדינגונג?

„אַז די מעגלעכע מעטאָדן פון לייזן די דאָזיגע וויכטיגע פראַגע טאָר אָבער ניט פירן צו אַ פאַרקלענערונג פון דעם לעבנס־סטאַנדאַרד פון די ארבעטנדיגע מאַסן". (פון דעם אינטערוויו מיט לובימאָוו, הויפּט פון דער סאָוועטישער דעלעגאַציע צו דער ווייץ־קאָנפערענץ).

ווען ער האָט געמאַכט דעם דאָזיגן אָנבאָט, האָט דער סאָוועטן פאַרבאַנד קאַטעגאָריש צוריקגעוויזן דעם פאָרשלאָג פון אַמעריקאַנער גרויס־קאַפּיטאַל צו „באַגרעניצן די פּראָדוקציע". די סאָוועטישע דעלעגאַטן האָבן דער־

קלערט, אז אין א וועלט, וואו צענדליגער מיליאנען ארבעטער און פארמער גייען אוים מיט א לאנגזאמען הונגער-טויט, איז די פראגע — ווי אזוי צו מאכן מעגלעך פאר די מאסן צו קויפן מער ווייץ און ניט — ווי אזוי צו באגרעניצן די פראדוקציע פון ווייץ. אויך — אז דאס קאן ניט געטאן ווערן נאר דורכדעם וואס מען וועט די מאסן הייסן עסן מער ווייץ, ווי איינינגע אייראפייאישע קאפיטאליסטישע מלוכות שלאגן פאר, נאר דורך הערערן די איינקונפט און די קויף-קראפט פון די ארבעטנדיגע מאסן. דאס איז דער זין פון דער באדינגונג, וואס די סאוועטישע דעלעגאטן האבן ארויסגעשטעלט און וואס איז באגריסט געווארן פון די ארבעטער און פארמער אין דער גאנצער וועלט.

געשעען איז אט-וואס: קיין איינער פון די קאפיטאליסטישע דעלעגאטן, וואס האבן פארטראטן די אינטערעסן פון גרוים-קאפיטאל און גרויסע לאנד-באזיצער, האט ניט אנגענומען די פארשלאגן פון דעם סאוועטן פארבאנד. די קאנפערענץ האט גארנישט ניט אויפגעטאן. די קאפיטאליסטישע און פריצישע דעלעגאטן זיינען אוועק אהיים פארטצוזעצן זייער האלז-שניידענדע קאנקורענץ איינע מיט די אנדערע, צווינגען די ארבעטנדיגע מאסן אין דער היים צו צאלן פאר די טאריפן און דער קאנקורענץ און פאר-שטארקערן זייער קריג-פירונג געגן סאוועטן פארבאנד.

די דאזיגע קאנפערענץ האט קלאר ארויסגעבראכט דעם אמעריקאנער גרוים-קאפיטאל ווי דעם גרעסטן און דעם בייזוויליגסטן „דאמפער" און עקספלואטאטאר.

אגריקולטור אין אמעריקע און אין סאוועטן פארבאנד

איינע פון די גרעסטע אורזאכן, פארוואס דער אמעריקאנער גרוים-קאפיטאל איז געווארן דער הויפט-אויפרייצער צו עקאנאמישער מלחמה געגן סאוועטן פארבאנד און פאר מיליטערישער אינטערווענציע, איז דער שרעק פון קאפיטאליזם פאר דעם דערפאלגרייכן סאציאליסטישן אויפבוי אין סאוועטן פארבאנד.

אין נאוועמבער 1917 האט דאס פראלעטארישע און פויערשע רוסלאנד, געפירט פון דער קאמוניסטישער פארטיי, געמאכט א סוף צו דער הערשאפט פון די פריצים און קאפיטאליסטן. די זיגרייכע רעוואלוציע פון די מאסן האט עטאבלירט די הערשאפט פון די ארבעטער און פויערים — א סאוועט רעגירונג. די דאזיגע רעגירונג פירט איצט דורך א פינף-יאר פלאן פון סאציאליסטישן אויפבוי. זי בויט מיט דערפאלג א סאציאליסטישע געזעל-שאפטלעכע סיסטעם, וואו דאס גאנצע פארמעגן פון פאלק באלאנגט צו די וואס ארבעטן און וואו די פראדוקציע ווערט אנגעפירט פאר זייערע אינ-טערעסן.

אין סאוועטן פארבאנד איז נימא קיין קריזיס, ניט קיין אגריקולטורעלער און ניט קיין אינדוסטריעלער. פארקערט, די אינדוסטריע און אגריקולטור וואקסן מיט א ריזיגן אימפעט. ס'איז אבער סאציאליסטישע אינ-דוסטריע און קאלעקטיוויזירטע אגריקולטור. קיין קאפיטא-ליסט צי לענדלארד קאן ניט אוועקרויבן ביי די ארבעטנדיגע מאסן די פרוכט

פון זייער אַרבעט. די מאַסן נוצן דאָס פאַר זיך. דער וואוילזיין פון די מאַסן שטייגט מיט יעדן טאָג. זיי פּראָדוצירן אויף צו באַפרידיגן זייערע באַדערפעניש און צו אַנטוויקלען ווייטער די סאָציאַליסטישע סיסטעם. דערפאַר טאַקע זיינען זיי פריי פון דער קללה פון „איבעריגע“ זאַפּאַסן שפּייז, וואָס ליגן אין די קאַפּיטאַליסטישע וואַרע־הייזער אין דער זעלביגער צייט ווען הונגער און נויט האַלטן זיך אין איין פאַרשפּרייטן צווישן די מאַסן. דערפאַר האָט דאָס דער סאָוועטן פאַרבאַנד ניט קיין קריזיס און קיין אַרבעטלאָזיגקייט.

דאָס רוב אַמעריקאַנער פאַרמער ליידן פון אַן אַגריקולטורעלן קריזיס זינט 1921, זינט דער צייט ווען גרויס־קאַפּיטאַל האָט אָנגעהויבן איינצושרומפּן די פאַרמער. דער אויסבראָך פון דעם אינדוסטריעלן קריזיס אין 1929, נאָך דעם ווי ס׳האָט געפּלאַצט די ספּעקולאַנטישע אָרגיע אויף וואָל סטריט, האָט אַ סך פאַרשאַרפט דעם כראָנישן אַגריקולטורעלן קריזיס. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַלגעמיינער עקאָנאָמישער וועלט־קריזיס און ער גייט נאָך אַלץ פון שלעכט צו ערגער. ווי אַזוי דאָס האָט זיך אָפּגערופן אויף די פאַרמער אַזוי גוט ווי אויף די אַרבעטער איז שווער צו באַשרייבן. די איינקונפט פון די פאַרמער פאַלט מיט אַ קאַטאַסטראָפאַלער שנעלקייט. די אַמעריקאַנער ווייץ־פאַרמער וועלן היי־יאָר קריגן אַרום 400 מיליאָן דאָלאַר פאַר זייער ווייץ, בעת לעצטן יאָר האָבן זיי געקראָגן 517 מיליאָן דאָלאַר און מיט אַ יאָר פריער — 834 מיליאָן.

דאָס וואָס דער פאַרמער קאָני, וועלכער האָט געפירט דעם הונגער־מאַרש פון די אַרקאַנסאָ פאַרמער צו דער שטאָט ענגלאַנד, האָט געזאָגט וועגן זיין אייגענער לאַגע און דער לאַגע פון זיינע שכנים איז אויך גילטיג וועגן מיליאָנען פאַרמער איבערן גאַנצן לאַנד. ער האָט געזאָגט: „אַ סך מענטשן גייען אויס מיט אַ לאַנגזאַמען הונגער טויט אפילו אין גוטע צייטן ווען זיי לעבן אויף קוקורוזע־מעל און מאַליאַס. דאָס פירט צו פּעלאַגראַ (אַ שווערע קריינק, וואָס נעמט זיך פון עסן צופיל קוקורוזע און פון ניט דערעסן). די קריינק איז דאָ אומעטום פאַרשפּרייט. די קראַנקע ווערן משוגע אין די לעצטע שטופן“.

ווער איז פאַראַנטוואָרטלעך דערפאַר? די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם און די קאַפּיטאַליסטישע גרויס־געשעפטן. זיי גיבן אָבער ניט צו זייער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. נאָכמער — זיי צווינגען די פאַרמער און די אַרבעטער צו צאָלן פאַרן קריזיס. דאָס פאַלן פון די פּרייזן אויף ווייץ איז ניט אויפ׳ן חשבון פון די פּראָפיטן פון די אייזנבאַנען, די ביינק און די ספּעקולאַנטן, נאָר אויפ׳ן חשבון פון דער איינקונפט פון די עקספּלואַטירטע פאַרמער און די שכירות פון די אַגריקולטורעלע און אינדוסטריעלע אַרבעטער.

הילף פאַר די הונגערנדיגע פאַרמער? הילף פאַר די אומבאַשעפטיגטע אַרבעטער? הוואָווער און די קאַפּיטאַליסטן זיינען געגן דעם. זאָלן זיי הונגערן — דאָס איז די ווענדונג פון די קאַפּיטאַליסטן צו די אַרבעטער מאַסן. די שיינע רייד פון די אַזוי־גערופענע „פּראָגרעסיווע“ אין קאָנגרעס — נאָריס, לאַפאָלעט, אַ. אַז. וו. — מיינען אַבסאָלוט גאָרניט און פירן צו גאָרניט. די דאָזיגע פּראָגרעסיווע פּאָליטישנס זיינען אויך קאַפּיטאַליסטן,

זיי זיינען ניט די פארטרעטער פון די עקספלואטירטע פארמער. זיי אליין הונגערן ניט, אט־די פראגרעסיווע. זייערע רעדעס „פאר די פארמער" האבן בליוז איין ווירקונג: זיי האלטן אפ די פארמער פון זיך ארגאניזירן און פירן אן אמת'ן קאמף, א קאמף געגן דער קאפיטאליסטישער סיסטעם, א קאמף צוזאמען מיט די רעוואלוציאנערע ארבעטער.

אגריקולטור אין די פאראייניגטע שטאטן, ווי אין אלע קאפיטאליסטישע און קאלאניאלע לענדער, איז פארזונקען אין א טיפן קריזיס. אין סאוועטן פארבאנד וואקסט און בליט די אגריקולטור. פארוואס? ווייל אגריקולטור אזוי גוט ווי אינדוסטריע אין סאוועטן פארבאנד ווערט באטריבן פאר די פארמער און די ארבעטער וועגן. באזונדער גרויס זיינען די דערגרייכונגען אויפ'ן געביט פון דער ק א ל ע ק ט י ו ו י ז א צ י ע פון באזונדערע פויערשע ווירטשאפטן. דעם ערשטן יוני, 1931, איז מ ע ר ו ו י א ה א ל ב , 52.7 פראצענט, פון אלע אינדיווידועלע ווירטשאפטן פון די ארימע און מיטעלע פויערים, אריינגעטראטן אין דער קאלעקטיווער פארם־באוועגונג.

אט־די קאלעקטיוויזירונג פון אגריקולטור באפרייט די איינצלנע פויערים פון זארג און אומזיכערקייט וועגן אומגערעטעניש. זי באפרייט דעם איינצלנעם פויער פון דער פינצטערער פראצע, וואס פרעסט אויף דאס לעבן, פון דער פראצע אין א קליינער ווירטשאפט מיט פרימיטיווע געצייג; זי פארגרעסערט אומגעהויער די פראדוקטיוויטעט פון דער ערד און פון דער ארבעט דורך דעם וואס זי באנוצט זיך מיט מאדערנעם מאשינעריע און געצייג, מיט מאדערנע באמיסטיגונג־שטאפן, וואס די רעגירונג גיט די קאלעקטיוון; זי גיט דעם פויער פרייע צייט פאר געזעלשאפטלעכן און קולטורעלן לעבן; זי פארוואנדלט דעם פויער אין אן אקטיוון און באוואוסטזיניגן אנטייל־נעמער אין דעם אויפבוי פון דעם נייעם לעבן, פון דער נייער סאציאלער סיסטעם, וואס איז פריי פון אונטערדריקונג און עקספלואטאציע, פריי פון הונגער, פריי פון קריזיסן און מלחמות.

פארמער מוזן באקעמפן אימפעריאליסטישע מלחמה און מיליטערישע אינטערווענציע

די געוואונען פון דער מלחמה פון 1914-1918 האבן די קאפיטאליסטן. די „דעפלאציע" פון אגריקולטור (אריבערגיין פון הויכע אויף נידעריגע פרייזן), וואס גרויס־קאפיטאל האט דורכגעפירט, און דער טיפער אגריקולטורעלער קריזיס, וואס איז געקומען נאך דער מלחמה, האט אויפגעפרעסן עטלעכע מאל אזוי פיל די אזוי־גערופענע „געווינסן" פון די פארמער אין דער צייט פון דער מלחמה. אט־די „לעצטע" מלחמה און דער נאך־מלחמה קריזיס האבן רואינירט די הארעפאשנע פארמער און נאך מער באפעסטיגט די הערשאפט פון טראסטיפיצירטן קאפיטאל איבער דער אגריקולטור.

אנשטאט העלפן די פארמער, שרומפט זיי דער קאפיטאליזם איין נאך מער. כדי צו לייזן דעם קריזיס אויף דעם חשבון פון די ארבעטנדיגע מאסן, גרייט זיך גרויס־קאפיטאל צו א נייער מלחמה, גיט אויס ביליאנען דאלאר אויף באוואפנונגען און אויף קריגס־שיפן, פאר וועלכע די פארמער און די

ארבעטער מוזן צאָלן. א נייע שחיטה ווערט צוגעגרייט, ספּעציעל געגן ארבע־טער און פאַרמער פון׳ם סאָוועטן פאַרבאנד. סטימסאָן און מעלאָן זיינען איצט אין אייראָפּע און זוכן צו פאַראייניגן די קאַפּיטאַליסטישע רעגירונגען פאַר מיליטערישער אינטערווענציע אין סאָוועטן פאַרבאנד.

די האַרעפּאַשנע פאַרמער האָבן גאָרנישט ניט צו געווינען און אַלץ צו פאַרלירן פון א נייער אימפּעריאַליסטישער מלחמה. די האַרעפּאַשנע פאַר־מער פון די פאַראייניגטן שטאַטן, אַזוי גוט ווי די אינדוסטריעלע און אַגרי־קולטורעלע לוין־ארבעטער, זיינען אין א באַזונדערער געפאַר דורך דער געגריי־טער מיליטערישער אינטערווענציע געגן סאָוועטן פאַרבאנד, דאָס לאַנד וואָס איז די האָפנונג פון די עקספּלואַטירטע פון דער גאַנצער וועלט, דאָס לאַנד וואָס לייגט דעם פונדאַמענט פאַר א נייער וועלט פון פרייהייט און גלייכהייט, דאָס לאַנד וואָס איז די גרעסטע קראַפט פאַר שלום און ברידער־ליכקייט צווישן פעלקער.

די האַרעפּאַשנע פאַרמער מוזן זיך צוזאַמענגעמען מיט די רעוואָלוציאָ־נערע ארבעטער אין דעם קאַמף געגן אימפּעריאַליסטישער מלחמה און מילי־טערישער אינטערווענציע אין סאָוועטן פאַרבאנד. זיי מוזן זיך פאַראייניגן פאַר דעם געמיינשאַפטלעכן קאַמף געגן הונגער און געגן קאַפּיטאַליסטישן טעראָר. זיי מוזן זיך פאַראייניגן אונטער דער פירערשאַפט פון דער קאָמו־ניסטישער פּאַרטיי.

געגן אימפּעריאַליסטישער מלחמה, געגן מיליטערישער אינטערווענציע אין סאָוועטן פאַרבאנד, פאַר אַן ארבעטער און פאַרמער רעגירונג אין די פאַראייניגטע שטאַטן!

9.

דער קאַמף פאַר נעגער־רעכט און געגן מיליטערישער אינטערווענציע

דער ווייסער הערשער־קלאַס אין די פאַראייניגטע שטאַטן דאַרף האָבן די נעגער־מאַסן ווי קאַנאָנען־פלייש פאַר דער קומענדיגער אימפּעריאַליס־טישער מלחמה ספּעציעל פאַר דער מיליטערישער אינטערווענציע געגן סאָוועטן פאַרבאנד.

די נעגער־מאַסן, פונקט ווי די אונטערדריקטע אומעטום, הויבן אָן צו דערוואַכן און באַגרייפן זייער אמת׳ע לאַגע. ספּעציעל איז די דערוואַכונג פאָרגעקומען נאָך דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה פון 1918-1914 און דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד אין 1917. אַלץ גרעסערע מאַסן נעגערן אין די פאַראייניגטע שטאַטן הויבן אָן צו פאַרשטיין, אַז זייער גרעסטער שונא איז דער ווייסער הערשער־קלאַס, דער אַמעריקאַנער אימפּע־ריאַליזם, און אַז זייער גרעסטער פריינט איז דער סאָוועטן פאַרבאנד.

די לינטשערס און די אונטערדריקער פון די נעגערן גרייטן זיך איצט צו א מלחמה געגן דעם איינציגן לאַנד אין דער וועלט, וואָס האָט אָפּגעשאַפט קאַפּיטאַליסטישע עקספּלואַטאַציע און האָט פולשטענדיג דורכגעפירט נאַציאָ־

נאלע גלייכהייט. די הוואווער־אדמיניסטראציע איז באשעפטיגט מיט ארגא־ניזירן די קאפיטאליסטישע מלוכות אין איירא פע פאר א געמיינשאפטלעכער אימפעריאליסטישער אטאקע געגן סאוועטן פארבאנד. דאס איז סטימסאנ׳ס און מעלאנ׳ס ארבעט אין אייראפע. דאס וויל הוואווער דערגרייכן מיט זיין פלאן פון אפליינגן די מלחמה־חובות צווישן די רעגירונגען אויף א יאר צייט.

געדיינקט די מלחמה פון 1914־1918

ווען דער אמעריקאנער הערשער־קלאס, פארטראטן צו יענער צייט דורך וואודראו ווילסאן, האט זיך אנגעשלאסן אין דער לעצטער אימפעריאליסטישער מלחמה, האט ער זיך אין א באדייטענדער מאס פארלאזט אויף די נעגער־מאסן. ער האט דערוואַרטעט, אז די נעגער־מאסן זאלן צושטעלן פראפאר־ציאנעל די גרעסטע צאל רעקרוטן פאר דער ארמיי. די נעגערן האבן געזאלט אוועקגעשטעלט ווערן אין די געפערלעכסטע און שווערע פאזיציעס אויפ׳ן פראנט. פונקט ווי אין צייט פון פרידן, האט דער ווייסער הערשער־קלאס פון די פאראייניגטע שטאטן זיך פארמאסטן צו באהאנדלען די נעגער־מאסן אויפן ערגסטן אופן.

צו דער זעלביגער צייט האבן די אמעריקאנער אימפעריאליסטן גע־לאקט די נעגער־מאסן מיט אלערליי פאלשע האפענונגען. גלייכהייט מיט די ווייסע, די אפשאפונג פון די דזשים־קראו געזעצן (וואס האלטן די נעגערן אפגעזונדערט) און לינטשערייען, די איינפירונג פון א „נייער עפאכע״ אין די באציאונגען צווישן די אונטערדריקער און די אונטערדריקטע — מיט די אלע האפנונגען האבן די הערשער גערייצט די נעגער־מאסן ווי א „באלוינונג״ פאר זייער אנטייל אין דער מלחמה פון 1914־1918. די נעגער־רעפאר־מיסטן האבן געהאלפן ווילסאנ׳ען שאפן די דאזיגע אילוזיעס אין די מוחות פון די מאסן.

וואס איז געשען אין דער ווירקלעכקייט? די אלע צוזאגן פון דעם ווייסן הערשער־קלאס האבן זיך ארויסגעוויזן צו זיין ריינער שווינדל. אין דער צייט פון דער מלחמה זיינען די נעגער־מאסן באהאנדלט געווארן מיט דער גרעסטער ברוטאליטעט, אין דער היים אזוי גוט ווי אויפ׳ן פראנט. נאכדעם ווי ס׳איז געשלאסן געווארן דער רויבער־שלום האט די רעגירונג פון די פאראייניגטע שטאטן אנגעהויבן „דעפלאטירן״ די נעגערן, איינ־שרומפן זייערע אילוזיעס, אז זייער אנטייל אין דער אימפעריאליסטישער מלחמה וועט ברענגען באפרייאונג פאר די מאסן. די דערוואכונג און דער ווידערשטאנד פון די נעגערן זיינען באגעגנט געווארן מיט לינטשערייען, קריגס־געריכטן, פאבריצירטע ראסן־ראיאטן און אינטענסיווע פארפאלגונגען פון יעדן סארט.

די גאנצע גוואלד־מאכט, דיסקרימינאציע און אונטערדריקונג, וואס די נעגערן שטייען אויס אין צייט פון שלום, איז אנגעוועגדט געווארן אין א סך א גרעסערער מאס אויף די נעגער־סאלדאטן אין די טרעניר־לאגערן און אויפ׳ן שלאכטפעלד. נעגער־סאלדאטן זיינען געשטעלט געוואכן כמעט אויסשליסלעך אונטער דער קאמאנדע פון ווייסע אפיצירן. אזוי שווידערלעך

איז געווען די באהאנדלונג פון די נעגער־סאָלדאַטן אין די טרעניר־לאַגערן, אַז עמעט סקאָט, איינער פון די געהילף קריגס־סעקרעטאַרן (מיניסטאָרן), האָט זיך געפילט געצוואונגען צו שרייבן דאָס פאָלגנדיגע:

„אנהויב זדמער 1918 האָט אַ פאַרפלייצונג פון קלאָגן דערגרייכט צום קריגס־דעפּאַרטמענט פון אַ סך לאַגערן, וואָס זייער הויפּט־אינהאַלט איז געווען, אַז די נעגער־סאָלדאַטן ווערן שלעכט באהאנדלט, אויף אַ גראָבן און אָפענעם שטייגער דורך זייערע ווייסע אָפיצירן, לערן אָפּטמאָל פיזיש אָנגעגריפן, און אַז די קאָלירטע סאָלדאַטן זיינען געצוואונגען צו אַרבעטן אונטער די אומגעזונטסטע און שווערסטע באַדינגונגען".

דער רעקרוטיר (קאָנסקריפּשאָן)־געזעץ איז אָנגעווענדט געוואָרן מיט באַזונדערער דיסקרימינאַציע נעגן די נעגערן. די רעקאָרדס פון די נעגערן, וואָס זיינען געווען פיזיש אומפּאַסיג אָדער האָבן געהאַט גרויסע פאַמיליעס, זיינען „געפיקסט" געוואָרן כדי מען זאָל זיי קאָנען אַריינגעמען אין דער מיליטערישער דינסט אויף אַ „געזעצלעכן" אופן. נעגערן, וואָס זיינען לויט'ן געזעץ געווען ניט צוגעפּאַסט פאַר מיליטערישער דינסט, זיינען דורך שווינדל און פעלשונג אַריינגעטריבן געוואָרן אין דער אַרמיי.

אַן אָפיציעלע אונטערזוכונג אין אַ טיפּישן לאַגער אין דער סאַוט—קעמפּ לי—האָט אַרויסגעבראַכט די פאָלגענדע שענדלעכע באַדינגונגען:

„מאַנגל אין מעדיציניש ער אויפזיכט. ברוטאַליטעט מצד דער מיליטערישער פּאָליציי. שווערע שטראָפן פאַר מינדערוויכטיגע איבערטרעטונגען. סאָלדאַטן, וואָס האָבן געאַרבעט מיט ציווילע אַרבעטער ביי דערזעלביגער אַרבעט, האָבן געקראָגן 30 דאָלאַר אַ חודש, בעת די ציווילע אַרבעטער האָבן געקראָגן פון $3.50 ביז $5.00 אַ טאָג".

נעגער־סאָלדאַטן האָט מען געהאַלטן אין ביידלעך (טענטס) בעת ווייסע סאָלדאַטן האָבן געוואוינט אין קאַזאַרמעס. דאָס איז געווען ווינטער־צייט, און ס'איז געווען אַ גאַנץ געוויינטלעכע דערשיינונג יעדן פרימאָרגן אַרויסצושלעפּן פון די ביידלעך אויף טויט־פאַרפראָרענע נעגער־סאָלדאַטן, ווי דאָס איז געווען דער פאַל אין קעמפּ אַלעקסאַנדער, ווירדזשיניע.

אַ סך רייזגן זיינען פאָרגעקומען אין די לאַגערן, וואו נעגער־סאָלדאַטן זיינען טרענירט געוואָרן פאַר דער אימפּעריאַליסטישער שחיטה. דערמאָנט זיך אָן דעם בראַוון אויסברוך פון פּראָטעסט און רעוואָלט צווישן די נעגער־סאָלדאַטן איז קעמפּ יוסטאָן, טעקסאַס. און וואָס איז געווען דער ענטפער פון דעם ווייסן הערשער־קלאַס? 13 נעגער־סאָלדאַטן זיינען הינגעריכטעט געוואָרן, 41 פאַרשפּאַרט אויף לעבנס־לאַנגער געפענקעניש, און ניין באַשטראָפט מיט קלענערע טערמינען געפענקעניש.

נעגער־אָפיצירן פון דעם נידעריגן ראַנג זיינען געווען געצוואונגען צו צאָלן פאַר די טעות'ן און אומפייאיגקייט פון זייערע העכערע ווייסע אָפיצירן. אזא איז געווען דער פאַל אין דער באַוואיסטער שלאַכט אין דער אַרגאָן־געגנט. דער ניין און דרייסיגסטער (נעגערשער) רעגימענט איז געשיקט געוואָרן אין שלאַכט אָן געהעריגן געווער, אָן לאַנד־קאַרטן, סיגנאַלן און שערן אויף צו שניידן די שטעכיגע דראָטן. דער באַפעל צו אַטאַקירן איז געגעבן געוואָרן אָן פריערדיגע צוגרייטונגען און דער רעזולטאַט איז געווען אַ שרעקלעכע שחיטה. פאַר דעם דאָזיגן קרימינעלן פעלער פון די

ווייסע קאָמאַנדיר־אָפיצירן האָט א קריגס-געריכט פאַר׳משפּט צום טויט און געלאָזט ״ערמאָרדן א מיט נעגער־אָפיצירן פון נידעריגן ראַנג.

נעגער־רעפאָרמער אין דער דינסט פון דעם ווייסן הערשער־קלאַס

די נעגער־רעפאָרמער האָבן געהאָלפן דעם ווייסן הערשער־קלאַס אָפּצונאַרן די מאַסן און זיי טרייבן צו דער שחיטה. דאָס איז וויכטיג צו געדיינקען, ספּעציעל איצט ווען די זעלבע נעגער-רעפאָרמער העלפן דעם ווייסן הערשער־קלאַס צו שיקן די סקאָטסבאָראָ־אינגלעך צום טויט און ציצוגרייטן די קומענדיגן אימפּעריאַליסטישע מלחמה און די מיליטערישע אינטערווענציע געגן סאָוועטן פאַרבאַנד.

וואו איז געווען די רעפאָרמיסטישע נעגער־אָרגאַניזאַציע, די „נעשאָנאַל אַסאָסיאיישאָן פאָר די אַדוואַנסמענט אָוו קאָלאָרד פּיפּל", אין דער לעצטער אימפּעריאַליסטישער מלחמה? וואָס האָבן געטאָן אָט די „פריינט און פירער" פון די נעגערן, ווען דער אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם האָט געצוואונגען די מאַסן צו שמידן נייע קייטן פאַר זייער אייגענער שקלאַפעריי?

דער „קרייסיס", אָפיציעלער אָרגאַן פון דער נ. א. א. ק. פּ., האָט אויפגעפאָדערט די נעגערן מקריב צו זיין זייערע לעבנס פאַר דעם ווייסן הערשער־קלאַס. און כדי צו מאַכן די נעגערן מער וויליג דאָס צו טאָן, האָבן די דאָזיגע נעגער־רעפאָרמער געהאָלפן ווילסאָנ׳ען פאַרשפּרייטן דעם ליגן אַז דאָס איז א מלחמה פון באַפרייאונג. לייענט וואָס דער „קרייסיס" האָט געהאַט צו זאָגן אין זומער פון 1917, ווען אַמעריקע איז אריינגעטראָטן אין דער אימפּעריאַליסטישער וועלט־מלחמה:

> אַזוי וועלן די שוואַרצע מענער קעמפן געגן דייטשלאַנד פאַר אַמעריקע. גאָט שיינקט אונז אויך פרייהייט, צום שלום פון דער מלחמה. (קרייסיס, מאַי, 1917).

די נעגער־רעפאָרמער פון דער נ. א. א. ק. פּ. האָבן עקספּלואַטירט דעם טיפערסטן וואונטש פון די נעגער־מאַסן, פרייהייט, כדי צו העלפן דעם ווייסן הערשער־קלאַס פון אַמעריקע צו פאַרלייכטערן און פאַרטזעצן די סיסטעם פון לינטשערייען און דזשים קראָו געזעצן. די דאָזיגע פאַררעטער האָבן גאָרניט געקאָנט געפינען אין די פאַראייניגטע שטאַטן אויף צו באַווייזן זייער שווינדלערישע טענה, אַז די אימפּעריאַליסטישע מלחמה איז א מלחמה פון באַפרייאונג. דעריבער האָבן זיי געגאַרט די נעגער־מאַסן מיט דער „דעמאָקראַטיע" פון פראַנקרייך און ענגלאַנד, די אימפּעריאַליסטישע רויבער, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט אַמעריקע אין דער לעצטער מלחמה:

> „...מיר ווייזן אָן פון איין זייט אויף דער פרעכטיגער דעמאָקראַטיע פון פראַנקרייך, די באַפרייאונג פון אונזערע מיטליידענדע אין רוסלאַנד און דעם לאַנגזאַמען אָבער שטענדיגן פאָרשריט פון די פרינציפּן פון גערעכטיגקייט פאַר אַלעמען אין דער בריטישער אימפּעריע און אין אונזער אייגן לאַנד; און אויף דער צווייטער זייט ווייזן מיר אָן אויף דעם מיאוס׳ן רעקאָרד פון דייטשלאַנד אין אַפריקע און אויף איר פריידיגונג פון אַטאָקראַטיע און ראַסן־גאוה". (קרייסיס, יוני, 1917).

ליגן, שווינדל און היפּאָקריטסווע. די נעגער-רעפאָרמער און פאַררע־

טער — די נ. א. א. ק. פּ. און אנדערע — האָבן פאַרגעשטעלט די אונטער־דריקער און די מערדער פון די מאַסן אין מאַראָקאָ און אינדאָ־כינע, ווי די „פּרעכטיגע דעמאָקראַטיע פון פראַנקרייך”; זיי האָבן פאַרגעשטעלט די עלטסטע און בלוטיגסטע קאָלאָניאַלע אונטערדריקער, דעם בריטישן אימפּעריאַליזם, דעם פּלינדערער פון מזרח־אַפריקע און דעם תליון פון אינדיע, ווי דעם טשעמפּיאָן פון „גערעכטיגקייט פאַר אַלעמען”; זיי האָבן פאַרגעשטעלט אין דער זעלביגער ליכט די לינטשערס און אונטערדריקער פון די נעגערן אין די פאַראייניגטע שטאַטן; זיי האָבן זיך אַפילו באַנוצט מיט דער רוסישער רעוואָלוציע, וועלכע איז געווען אַ רעוואָלוציע פון די מאַסן ג ע ג ן אימפּעריאַליסטישער מלחמה, כדי צו באַאיינפלוסן די נעגער־מאַסן אָוועקצוגעבן זייער לעבן פאַר'ן אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם.

די דאָזיגע נעגער־רעפאָרמער פון דער נ. א. א. ק. פּ. הערן ניט אויף צו דינען דעם ווייסן הערשער־קלאַס. זיי זיינען דעם ווייסנס נעגערן. זיי העלפן די טשעמפּיאָנען פון „דער העכערער ווייסער ראַסע” צוצוגרייטן די מיליטערישע אינטערווענציע געגן סאָוועטן פאַרבאַנד.

דער סאָוועטן פאַרבאַנד איז די פעסטונג פון נאַציאָנאַלער פרייהייט און גלייכהייט

דער סאָוועטן פאַרבאַנד איז דאָס איינציגע לאַנד אין דער וועלט, וואָס ווייסט ניט פון קיין נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג. אין סאָוועטן פאַר־באַנד לעבן אַ צאָל נאַציאָנאַליטעטן און ראַסן אין פולשטענדיגער גלייכהייט און ברידערלעכקייט. די זיגרייכע רעוואָלוציע פון אַרבעטער און פּויערים פון נאָוועמבער 1917, וואָס האָט אומגעוואָרפן די הערשאַפט פון קאַפּיטאַ־ליסטן, פּריצים און אימפּעריאַליסטן, האָט באַפרייט די אונטערדריקטע פעלקער, האָט פאַרווירקלאַכט דעם פּרינציפּ פון פולשטענדיגער נאַציאָנאַ־לער גלייכהייט, אַריינגערעכנט דאָס רעכט זיך אָפּצוטיילן פון רוסלאַנד. דער סאָוועטן פאַרבאַנד איז אַ פ ר י י ע ר און פ ר י י וו י ל י ג ע ר ב ו נ ד פון סאָציאַליסטישע סאָוועט - רעפּובליקן, אין וועלכן די האַרע־פּאַשנע מאַסן פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן אַרבעטן צוזאַמען פאַר דעם אויפבוי פון אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. אויסערגעוויינטלעכע אָנשטרענגונגען ווערן געמאַכט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד גרינגער צו מאַכן די עקאָנאָמישע און קולטורעלע אַנטוויקלונג פון יענע נאַציאָנאַליטעטן, וואָס זייער וואוקס איז פאַרהאַלטן געוואָרן דורך דער פריערדיגער הערשאַפט פון די קאַפּיטאַ־ליסטן און פּריצים.

דער סאָוועטן פאַרבאַנד קעמפט אָן רחמנות געגן יעדן געדאַנק פון נאַציאָנאַלער „העכערקייט” און געגן יעדער טענדענץ פאַר נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג און דיסקרימינאַציע. אין סאָוועטן פאַרבאַנד ווערט דער נעגער אויפגענומען און באַגריסט ניט בלויז ווי אַ גלייכער, נאָר ווי דער פאַרטרעטער פון אַן אונטערדריקט פאָלק — ווי די נעגערן זיינען אין די פאַראייניגטע שטאַטן — וואָס זייער רעוואָלוציאָנערער קאַמף פאַר באַפריי־אונג שפּילט אַ היסטאָרישע ראָל אין דער באַפרייאונג פון אַלע אונטער־דריקטע און עקספּלואַטירטע פון דעם אימפּעריאַליסטישן יאָך.

דערפאר האבן עס די הארעפאשנע מאסן פון סאוועטן פארבאנד אזוי שנעל און ענערגיש אויסגעדריקט זייער אנטריסטונג און פארדאמונג געגן דער „ווייסער גאוה" פון געוויסע אמעריקאנער טעכניקער וואס ארבעטן אין סאוועטן פארבאנד. די דאזיגע פארדאמונג איז געוועז אין איינקלאנג מיט דער גאנצער סאוועטישער סיסטעם, מיט די פונדאמענטאלע פרינציפן פון דער פראלעטארישער רעוואלוציע, וואס פאדערן די פולשטענדיגע פאר־ניכטונג פון אימפעריאליסטישער עקספלואטאציע און די פארווירקלאכונג פון פולשטענדיגער נאציאנאלער גלייכהייט.

דער קאמף פון די נעגער־מאסן געגן מיליטערישער אינטערווענציע

דער קאמף פון די נעגער־מאסן פאר פולשטענדיגער גלייכהייט קאן ניט אפגעטיילט ווערן פון דעם קאמף פון אלע אונטערדריקטע און עקספלוא־טירטע פאר דער פארטיידיגונג פון סאוועטן פארבאנד.

דער ווייסער הערשער־קלאס פון אמעריקע ארגאניזירט א מיליטערישע אינטערווענציע געגן סאוועטן פארבאנד, כדי צו ראטעווען די איצטיגע סיסטעם פון קאפיטאליסטישער עקספלואטאציע און אימפעריאליסטישער אונטערדריקונג. הוואווער און קאמפאני פירן איצט אן די עקאנאמישע מלחמה געגן סאוועטן פארבאנד ווי א צוגרייטונג פאר מיליטערישער איג־טערווענציע, כדי צו פאראייביגן די סיסטעם פון ווייסער אויבערהערשאפט, די סיסטעם פון לינטשעריי און דזשים קראו געזעצן, די סיסטעם וואס פירט צו סקאטסבארא־פראצעסן און שאפט די גאנצע פאליטיק פון נאציאנאלער אונטערדריקונג.

סקאטסבארא איז ניט קיין צופאל. ס'איז אויך ניט קיין געוויינטלע־כער „מפיל פון גערעכטיגקייט". ס'איז פאראן אן ארגאנישע פארבינדונג צווישן דער „געזעצלעכער" לינטשעריי פון די ניין אומשולדיגע יונגע נעגער־ארבעטער און די אנטי-סאוועטישע טעטיגקייטן פון דעם אמעריקאנעם קאפיטאליסטישן קלאס. סקאטסבארא דריקט אוים די אנטשלאסעהייט פון דעם ווייסן הערשער־קלאס אין אמעריקע צו האלטן דעם נעגער־קלאס אין א צושטאנד פון שקלאפעריי, כדי צו קאנען אנהאלטן די קאפיטאליס־טישע און אימפעריאליסטישע הערשאפט. די עקאנאמישע מלחמה פון דעם זעלביגן ווייסן הערשער־קלאס געגן סאוועטן פארבאנד, ווי דער אנהויב פון א מיליטערישער אינטערווענציע, דריקט אוים די אנטשלאסנהייט פון דעם אמעריקאנעם אימפעריאליזם צו צעשמעטערן די הערשאפט פון די ארבעטער און פויערים צוליב דעם זעלביגן צוועק פון ראטעווען די קאפיטאליסטישע און אימפעריאליסטישע עקספלואטאציע.

די דאזיגע ארגאנישע פארבינדונג צווישן סקאטסבארא און מיליטע־רישער אינטערווענציע קאן מען אויך זען אין די טעטיגקייטן פון די נעגער־רעפארמער פון דער נ. א. א. ק. פ. ס'איז ניט קיין צופאל, וואס די זעל־ביגע נ. א. א. ק. פ האט געהאלפן דעם אמעריקאנעם אימפעריאליזם אריינ־צוטרייבן די נעגער־מאסן אין דער אימפעריאליסטישער מלחמה פון 1914־1918 און העלפט איצט דעם ווייסן הערשער־קלאס צו שיקן די סקאטסבארא־

אינגלעך צו זייער טויט, באַקעמפט אויך די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פון די מאַסן קעגן אינטערווענציע אין סאָוועטן פאַרבאַנד.

די נעגער-רעפאָרמער, פונקט ווי די ווייסע רעפאָרמער, זיינען משרתים פון די אימפּעריאַליסטן. זייער ספּעציעלע אויפגאַבע איז אָפּצונאַרן די מאַסן מיט שיינע ווערטער, כדי גרינגער צו מאַכן פאַר דעם הערשער-קלאַס צו באַזיגן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג און די קאַמפן פון די מאַסן. די נ. א. א. ק. פ. — פיקענס און קאָמפּאַני — קעמפט געגן דער אינטערנע-שאָנאַל לייבאָר דעפענס, געגן דער ליג פון קאַמף פאַר נעגער-רעכט און געגן דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וואָס פירן דעם מאַסן-קאַמף צו ראַטעווען די סקאָטסבאָראָ-אינגלעך. אַזוי אַרום העלפן די נעגער-רעפאָרמער דעם ווייסן הערשער-קלאַס אָנצוהאַלטן זיין הערשאַפט. אויף דעם זעלביגן אופן, דורך באַקעמפן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג צווישן די נעגערן, העלפן די נעגער-רעפאָרמער דעם ווייסן הערשער-קלאַס צוצוגרייטן די קומענדיגע אימפּעריאַ-ליסטישע מלחמה און מיליטערישע אינטערווענציע געגן סאָוועטן פאַרבאַנד.

מיליטערישע אינטערווענציע געגן סאָוועטן פאַרבאַנד, צוגעגרייט פון אַמעריקאַנעם אימפּעריאַליזם, פאַרגיט זיך אויך מיט דעם צוועק צו צעשמע-טערן דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף פון די נעגער-מאַסן פאַר נאַציאָנאַלער רעכט און גלייכהייט. די נ. א. א. ק. פ. העלפט דעם אַמעריקאַנעם אימפּע-ריאַליזם דורכצופירן דעם דאָזיגן פאַרברעכן קעגן די מאַסן.

די נעגער-אַרבעטער און די פאַרמער וועלן נאָך מער פאַרשטאַרקערן זייער קאַמף קעגן די ווייסע אונטערדריקער. די נעגער-מאַסן, אונטער דער פירערשאַפט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון די פאַראייניגטע שטאַטן, וועלן זיך פאַראייניגן מיט די ווייסע אַרבעטער אין דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף געגן אינטערווענציע, פאַר דער פאַרטיידיגונג פון סאָוועטן פאַרבאַנד, צו ראַטעווען די סקאָטסבאָראָ-אינגלעך, צו פאַרווירקלעכן די פּרינציפּן פון נעגער-רעכט און פולשטענדיגער נאַציאָנאַלער גלייכהייט.

.10

אַרבעטער פרויען און יוגנט אין דער קומענדיגער מלחמה

די אימפּעריאַליסטישע מלחמה-מאַכער גיבן צו זייער אַ סך וויכטיגקייט צו דער אַרבעטער-יוגנט און אַרבעטער-פרויען, ווי קאַנאָנען-פלייש און אינ-דוסטריעלע רעקרוטן אין דער קומענדיגער אימפּעריאַליסטישער מלחמה און מיליטערישער אינטערווענציע אין סאָוועטן פאַרבאַנד. אין דער לעצטער אימפּעריאַליסטישער מלחמה האָט די מאָביליזאַציע פון דער יוגנט פאַר דער שחיטה אויף די שלאַכט-פעלדער און די פּאַקטישע רעקרוטירונג פאַר צוואַנג-דינסט פון די אַרבעטער-פרויען אין די מלחמה-אינדוסטריען געהאַט אַן אַנט-שיידענע ווירקונג אויף דעם אויסגאַנג פון דער מלחמה.

די יוגנט פון דעם אַרבעטער-קלאַס און פון די פאַרמער איז די ערשטע געשיקט צו ווערן אין פייער אַריין. פון איר באַשטייט די מערהייט פון די

רעקרוטירטע ארמייען. די יוגנט פון די ארבעטער און פארמער פירט דורך מערסטע שלאכטן און לאזט אויף די שלאכט-פעלדער די גרעסטע צאל טויטע און פארוואונדעטע. מער אפשר ווי וואס ס'ניט איז דארף דער קאפיטאליס־טישער קלאס האבן די ארבעטער-יוגנט פאר דער קומענדיגער מלחמה און מיליטערישער אינטערווענציע.

די ארבעטער־פרויען זיינען זייער וויכטיג פאר דעם אימפעריאליזם ווי אינדוסטריעלע רעקרוטן אויף צו פארנעמען דעם פלאץ פון די מענער אין דעם מלחמה-אינדוסטריע און אין אנדערע אינדוסטריען. פון די ארבעטער־פרויען ווערט דערווארטעט, אז זיי זאלן טראגן די הויפט-לאסט פון דעם „היימישן פראנט". אזוי איז דאס געווען אין דער אימפעריאליסטישער מלחמה פון 1914-1918, אזוי וועט עס זיין אין נאך א גרעסערער מאס אין דער קומענדיגער מלחמה.

די מיליטאריסטן בארימטען זיך, אז אין דער קומענדיגער מלחמה וועלן ניט זיין קיין נייטראלע און קיין ניט קעמפנדיגע באפעלקערונגען. דאס הייסט, אז דאס שלאכטפעלד וועט זיין אומעטום און יעדער איינער וועט זיין אויפ'ן שלאכטפעלד, — מענער און פרויען, אלט און יונג, ציווילע און סאלדאטן. די עצם אידייע פון ציווילע און פרידלעכע מענטשן אין דער באפעלקערונג פארשווינדט די פלענער פון דעם קריגס-דעפארטמענט פאר דער קומענדיגער מלחמה.

פארוואס? ווייל עס וועט זיין א מעכאניזירטע מלחמה, א מלחמה פון מאשינען און טאנקס, עראפלאנען און גיפט־גאז. איינער פון די פירנדיגע דייטשע מיליטאריסטן און מלחמה-עקספערטן, גענעראל פאן סעעקט, דריקט זיך אויס אזוי:

„אי זע פאראויס, אז די מיליטערישע סטראטעגיע אין דער צוקונפט וועט באשטיין אין באנוצן קליינע ארמייען, טרעני׳רט ביז צו א הויכער שטופע און אויסערגעווייגטלעך באוועגלעך, וואס וועלן געשטיצט און גע־שטארק ווערן דורך די לופט־כחות און דורך דער אנטוויקלונג אויף א גרויסן מאסשטאב פון די אפענסיווע און דעפענסיווע כחות פון לאנד." (אונטערגעשטראכן פון א. ב.).

דער „היימישער פראנט" האט געהאט אן אנטשיידענע ווירקונג אין דער לעצטער מלחמה. ער וועט זיין נאך מער אנטשיידן אין דער קומענדער מלחמה. דער ציל פון יעדן גענעראל־שטאב וועט זיין צו צעשמעטערן און פארניכטן דעם שונא'ס ציווילע באפעלקערונג אין דער היים, צו ברעכן די פראדוקציע פון אמוניציע און די ליפערונג פון שפייז און אזוי ארום צו באזיגן די געגנערישע ארמיי אין פעלד. דערפאר פארנעמט אזא וויכטיגן ארט אין די אימפעריאליסטישע צוגרייטונגען פאר דער קומענדיגער מלחמה די באמבארדירונג פון שטעט און דערפער מיט גיפט-גאז און אנדערע באמ־בעס פון דער לופטן און אויף אנדערע אופנים.

די ארבעטער־פרויען וועלן דעריבער זיין אריינגעצויגן אין דער קומענ־דער אימפעריאליסטישער מלחמה פונקט ווי די מענער. זיי וועלן זיין אין דער מלחמה ווי אינדוסטריעלע רעקרוטן און אויך ווי קאנאנען־פלייש, ווי

דער ציל פון פארניכטונג פאר די באוואפנטע כחות פון דער געגנערישער אימפעריאליסטישער מלוכה.

די יוגנט ווערט מיליטעריזירט פאר מלחמה און אינטערווענציע

די מיליטערישע און מלחמה מאשין פון די פאראייניגטע שטאטן האלט אין איין וואקסן. זי שיינקט א סך פון איר אויפמערקזאמקייט צו דער אויפגאב פון מיליטעריזירן די יוגנט. דאס ווערט געטאן דורך פאר'סם'ען די מוחות פון דער יוגנט מיט מיליטאריסטישע און אימפעריאליסטישע אידייען, וואס גייען האנט אין האנט מיט מיליטערישע איבונגען און ארגאניזאציע, וואס האט דעם ציל אויפצובויען א געהארכזאמע יוגנט, גרייט אויסגעשאכטן צו ווערן אין דער קומענדיגער אימפעריאליסטישער מלחמה.

די מיליטאריזאציע פון דער יוגנט הויבט זיך אן אין דער פאבליק סקול. דארט פארמעסטן זיך די ארגאניזאטארס פון קאפיטאליסטישער דערציאונג צו קארופטירן די מוחות פון די ארבעטער־קינדער מיט דרך־ארץ און שרעק פאר די עקזיסטירנדיגע קאפיטאליסטישע אינסטיטוציעס. די קינדער ווערן טרארירייזירט צו באטייליגן זיך אין די פארשידענע „סאלוטן צום פלאג" און מיליטערישע מושטיר־איבונגען. „ליבע צום לאנד", „פאטריאטיזם", „גרייטקייט מקריב צו זיין דאס לעבן פאר'ן לאנד" — אונטערטעניגקייט צום קאפיטאליזם און אננעמען די אימפעריאליסטישע מלחמה פאר גוט — דאס זיינען די אידייען, וואס ווערן ארויפגעצוואונגען אויף די מוחות פון די ארבעטער־קינדער אין די פאבליק סקולס.

יעדער סימן פון קריטישער באציאונג פון די קינדער צו אט דער אימפעריאליסטישער פראפאגאנדע ווערט באשטראפט. קינדער שטעלן פראגן. זיי פרעגן: וועמעס לאנד זאלן זיי ליב האבן, דאס לאנד פון די קאפיטאליסטן אדער דאס לאנד פון די ארבעטער? פארוואס זאלן זיי ליב האבן און זיין גרייט מקריב צו זיין זייערע לעבנס פאר א לאנד, וואס פאר־משפט 13 מיליאן ארבעטער צו ארבעטלאזיגקייט און לאזט מיליאנען ארבעטער און פארמער שטארבן פאר הונגער, צו א לאנד וואס פארפאלגט און דעפארטירט פרעמד־געבארענע ארבעטער דערפאר וואס יענע קעמפן קעגן קאפיטאליסטישער עקספלואטאציע, צו א לאנד וואס לינטשט און אונטערדריקט די נעגערן? אזעלכע און ענלעכע פראגן ענטפערן די סקול אויטאריטעטן מיט מער טעראר און פארפאלגונג.

קינדער ווערן „דערצויגן" צו האסן ארבעטער־סטרייקס געגן די באלעבאטים און צו האבן אומצוטרוי צו קלאסן־קעמפערישע יוניאנס. ספעציעל זוכן די קאפיטאליסטן אויסצונוצן די סקולס אויף אויפרייצן די קינדער געגן סאוועטן־פארבאנד. אלע אנטי־סאוועטישע מעשיות, וואס ווערן דערפונדן אין די קאפיטאליסטישע ליגן־פאבריקן, ווערן פארשפרייט צווישן די קינדער, כדי צו פאר'סם'ען זייערע מוחות און צו פארוואנדלען זיי אין וויליגע געצייג אין די הענט פון יענע וואס גרייטן צו די מיליטערישע אינטערווענציע געגן סאוועטן פארבאנד.

נאך דעם קומט די סיסטעם פון מיליטערישער מושטירונג פון דער יוגנט

אין די היי־סקולס, קאלעדזשעס, ציווילע טרעניר־לאגערן א. אז. וו. פעדע־ראלע אויסגאבן אויף מיליטערישע איבונגען אין די ציווילע סקולס אליין זיינען פארגרעסערט געווארן אויף פופצן מאל פון 1914 ביז 1928. דער קריגס־דעפארטמענט האלט אין איין אויסשפרייטן זיינע טעטיגקייטן אויף צו מיליטעריזירן די יוגנט אין די סקולס און אויסער די סקולס.

מען דארף אויך געדיינקען די אינטענסיווע מיליטאריסטישע און אימ־פעריאליסטישע פראפאגאנדע, וואס קארופטירט די מוחות פון דער יוגנט דורך די „מואווים", דורך דער קירך, צייטונגען און ראדיא. וואס איז דער צוועק פון אט דער מיליטעריזאציע אין דער איצטיגער צייט? דער צוועק איז — מאביליזאציע פאר דער מיליטערישער אינטערווענציע געגן סאוועטן פארבאנד, וואס ווערט איצט ארגאניזירט פון דער הוווער־רעגירונג, פון דעם קאפיטאליסטישן קלאס פון די פאראייניגטע שטאטן.

פרויען און יוגנט אין סאוועטן פארבאנד

די פראלעטארישע רעוואלוציע אין סאוועטן פארבאנד, אין נאוועמבער 1917, האט געבראכט א פולשטענדיגע און ראדיקאלע ענדערונג אין דער לאגע פון די ארבעטנדיגע פרויען און פון דער יוגנט. די רעוואלוציע האט ניט נאר אפגעשאפט דעם צושטאנד פון האלב־שקלאפעריי, אומוויסנהייט און אונטערטעניגקייט, אין וועלכן די אלטע סיסטעם האט געהאלטן די הארעפאשנע פרויען און די יוגנט, נאר זי האט זיי פארוואנדלט אין פרייע און שעפערישע מענטשן, וואס שפילן א ריזיגע ראל אין דעם אויפבוי פון דער סאציאליסטישער געזעלשאפט.

ס'איז געווען א צייט — ניט אזוי לאנג צוריק — ווען די ווילדע מעשה וועגן „נאציאנאליזירטע פרויען" איז געווען דער פאפולערסטער ליגן, וואס די אימפעריאליסטן און אינטערווענציאניסטן האבן פארשפרייט געגן סאוועטן פארבאנד. די קאפיטאליסטן האבן דערווארטעט, אז מיט דעם דאזיגן ווילדן און לעבערלעכן ליגן זאלן זיי קענען אפשטעלן די וואקסענדיגע סימפאטיע פון די ארבעטער־פרויען אין אמעריקע צו דעם לאנד, וואו עס הערשן די ארבעטער און פויערים.

איצט ריידן מער ניט די אימפעריאליסטישע ארגאניזאטארס פון דער מיליטערישער אינטערווענציע געגן סאוועטן פארבאנד וועגן „נאציאנאליזירטע פרויען". יעדער איינער ווייסט שוין, אז דאס איז א בייזוויליגער און היפאקריטישער ליגן פון די קאפיטאליסטן. נאך מער, די ארבעטנדיגע פרויען פון די קאפיטאליסטישע לענדער ווייסן, אז איינער פון די „לעגי־טימע" אינסטיטוציעס פון קאפיטאליזם איז פראסטיטוציע. די קאפיטאליס־טישע סיסטעם און די קאפיטאליסטישע עקספלואטאציע, קריזיס און כראנישע ארבעטלאזיגקייט, נישטיגע שכירות, וואס זיינען ניט גענוג פאר די נויטיגסטע לעבנס־מיטלען,—אט דאס טרייבט טויזנטער און טויזנטער ארבע־טער־פרויען זיך צו פארקויפן אין פראסטיטוציע. די דאזיגע קללה איז פונקט אזא טייל פון דער קאפיטאליסטישער סיסטעם, ווי די ספעציעלע עקספלואטאציע און אונטערדריקונג פון פרויען און קינדער.

אבער די אימפעריאליסטן און אינטערווענציאניסטן ריידן נאך אלץ

וועגן דער „פארניכטונג פון דער פאמיליע“ אין סאוועטן פארבאנד. דאס איז דער זעלביגער מין היפאקריטישער ליגן ווי די מעשה וועגן נאציאנאַליזירטע פרויען. די היפאקריטסטווע פון די קאפיטאליסטן ווייסט ניט פון קיין גרעניצן. ווער אויב ניט דער קאפיטאליזם צעברעכט, דעמאראליזירט און צעשטערט די ארבעטער־פאמיליע? נידעריגע שכירות טרייבן אין די פאבריקן אריין ניט בלויז די פרויען און די יוגנט פון די ארבעטער, נאר אויך די קינדער. קינדער־ארבעט איז א קאפיטאליסטישע אינסטיטוציע. לאנגע שטונדן און „ספיד־אפ“ לאזן די ארבעטער אן פרייער צייט און אן א מעגלעכקייט הנאה צו האבן אפילו אויף דעם עלעמענטארסטן אופן פון פאמיליען־לעבן. די קאפיטאליסטישע סיסטעם איז די צעשטערונג פון פאמיליען־לעבן פון ארבעטער־קלאס.

דער סאציאליזם וואס ווערט געבויט אין סאוועטן פארבאנד מאכט א סוף צו פראסטיטוציע. דאס ווערט געטאן דורך העכערן דעם לעבנס־סטאנדארד פון די הארעפאשנע פרויען, דורך דעם וואס פאר זיי ווערן געעפנט אלע וועגן צו עקאנאמישער און קולטורעלער טעטיגקייט אויף גלייכע באדינגונגען מיט זייערע מענער. גלייכע באלוינונג פאר גלייכער ארבעט, וואס די הארעפאשנע פרויען אין אמעריקע מוזן נאך אלץ דערפאר ביטער קעמפן, איז א פעסטגעשטעלטער פרינציפ אין סאוועטן פארבאנד פאר פרויען און יוגנט. די קאפיטאליסטישע מאראל אין אמעריקע איז קארופט און דעגענערירט ביז׳ן ביין. דאס סעקסועלע און פאמיליען־לעבן פון דעם הערשער־קלאס איז אן ארגיע פון אויסגעלאסנקייט. דאך שטעלט זיך אוועק דער זעלבער דעגענערירטער און קארופטער הערשער־קלאס ווי א משגיח איבער דער „מאראל“ פון דעם ארבעטער־קלאס. ער פארפאלגט און טרייבט צום טויט ארבעטער ־ מוטערס פון „אומגעזעצלעכע קינדער“ און צו דער זעלבער צייט זאגט ער זיך אפ צו נעמען אויף זיך די מינדסטע פאראנטווארטלעכקייט פאר באשיצן די מוטערשאפט פון די ארבעטער־פרויען.

ס׳איז גאנץ אנדערש אין סאוועטן פארבאנד. דער סאוועטן פארבאנד איז, פארשטייט זיך, פריי פון דער היפאקריטישער, קאפיטאליסטישער אינסטיטוציע פון „געזעצלעכע“ און „אומגעזעצלעכע“ קינדער. די סאציאליסטישע געזעלשאפט דורך איר רעגירונג, נעמט אויף זיך די פולע פאראנטווארטלעכקייט פאר באשיצן די מוטערשאפט פון אירע ארבעטנדיגע פרויען. די מלוכה האלט אוים מיט פולן לוין יעדע ארבעטער־פרוי אין דעם משך פון דער נויטיגער צייט פאר און נאך קינד־געבורט. זי באזארגט קינדער־היימען און קינדער־גארטנס פאר די קינדער פון די ארבעטער־פרויען. אפילו די שונאים פון סאוועטן פארבאנד זיינען געצוואונגען צוצוגעבן, אז אויסערגעוויינטלעך גרויסע אנשטרענגונגען ווערן געמאכט אין דעם לאנד, וואס בויט דעם סאציאליזם פאר דער אנטוויקלונג און דערציאונג פון די קינדער.

די יוגנט פון דעם ארבעטער־קלאס איז אנטוויקלט און דערצויגן ווי עס דארף זיין דערצויגן **דער נייער דור סאציאליסטישע בויער**. דאס איז פונדאמענטאל אנדערש ווי די לאגע פון דער ארבעטער־יוגנט אין אמעריקע אדער אין וועלכן ס׳איז קאפיטאליסטישן לאנד. דא

ווערט די ארבעטער־יוגנט באטראכט פון דעם שטאנדפונקט פון ב י ל י־ג ע ר ע ר א ר ב ע ט ־ ק ר א פ ט, פון דעם שטאנדפונקט פון ארבעטער, וואס קאנען געצוואונגען ווערן צו שאפן גרעסערע פראפיטן פאר די קאפיטאליסטן, ווי דאס איז מעגלעך מיט דערוואקסענע און עלטערע ארבעטער. דא ווערט די ארבעטער־יוגנט באהאנדלט ווי „גוטע" קאנאנען־פלייש פאר אימפעריאליסטישע מלחמות, ווי מיליאנען צוקינפטיגע רעקרוטן, וואס מען וועט זיי קאנען מקריב זיין אויף די שלאכט־פעלדער כדי צו קריגן פאר די קאפיטאליסטן נייע קאלאניעס אויף צו עקספלואטירן, צו מעגלעך מאכן פאר דעם אמעריקאנעם ארבעטער־קלאס צו באזיגן זיינע אימפעריאליסטישע קאנקורענטן און ווערן דער הערשער פון דער וועלט.

אין סאוועטן פארבאנד באטייליגט זיך די ארבעטער־יוגנט אקטיוו אין דעם עקאנאמישן, פאליטישן און קולטורעלן לעבן פון דעם סאציאליסטישן לאנד, אויף גלייכע באדינגונגען מיט די דערוואקסענע ארבעטער. די ארבעטער־יוגנט אין סאוועטן־פארבאנד דארף ניט קעמפן פאר דעם פרינציפ פון גלייכן לוין פאר גלייכער ארבעט, זי האט דאס אלץ און מער ווי דאס. אלע מעגלעכע געלעגנהייטן פאר בילדונג און דערציאונג ווערן געשטעלט צו דער דינסט פון דער ארבעטער־יוגנט. דער סאוועטן פארבאנד מאביליזירט ריזיגע מיטלען צו דערציען און אויסבילדן די ארבעטער־יוגנט אויף אזא אופן, אז זי זאל קאנען פארטזעצן די ארבעט פון דעם עלטערן דור — בויען און פארפולקאמען די סאציאליסטישע געזעלשאפט.

קאמף קעגן מיליטערישער אינטערווענציע אין סאוועטן פארבאנד

דער ביישפיל פון סאוועטן־פארבאנד איז אנשטעקנדיג צווישן די הארעפאשנע מאסן אין די קאפיטאליסטישע און קאלאניאלע לענדער. אלץ א גרעסערע צאל ארבעטער־פרויען און יוגנט אין אמעריקע גייען אריבער אויף דער זייט פון סאוועטן־פארבאנד, דעם לאנד פון דער באפרייאונג פון די ארבעטער־מאסן ; אלץ א גרעסערע צאל גייט נאך דער פירערשאפט פון דער קאמוניסטישער פארטיי פון די פאראייניגטע שטאטן און פון דער טרייד יוניאן יוניטי ליג, אין דעם קאמף קעגן קאפיטאליסטישער עקספלואטאציע און פאר א סאוועטן־רעגירונג אין די פאראייניגטע שטאטן.

די קאפיטאליסטן פון די פאראייניגטע שטאטן פארמעסטן זיך אומצוווארפן די הערשאפט פון די ארבעטער און פויערים אין סאוועטן פארבאנד. די הוווער־רעגירונג און דער קאפיטאליסטישער קלאס פארמעסטן זיך איצט צו ארגאניזירן פאר דעם דאזיגן צוועק א מיליטערישע אינטערווענציע אין סאוועטן פארבאנד. שוין פירט דער אמעריקאנער קאפיטאליסטישער קלאס אן עקאנאמישע מלחמה געגן סאוועטן פארבאנד, דורך איינשטעלן א באיקאט אויף סאוועטישע סחורות און דורך אפשטעלן דעם אריינפיר פון מאשינעריע אין סאוועטן פארבאנד. די דאזיגע עקאנאמישע מלחמה איז א צוגרייטונג צו באוואפנטער מלחמה, צו באוואפנטער אינטערווענציע. סטימסאן און מעלאן זיינען איצט אין אייראפע כדי צוזאמענצוברייגנען די קאפיטאליסטישע מלוכות פאר דער דאזיגער אנטי־סאוועטישער פראגראם. הוווער'ס פלאן צו דערלויבן די איראפייאישע בעל־חובות

אָפּצולייגן די צאָלונגען אויף די מלחמה־חובות אויף אַ יאָר צייט איז אויס־גערעכנט צו פאַרהיטן דייטשלאַנד פון אַן ארבעטער־רעוואָלוציע און צו ראַ־טעווען די אינוועסטמענטס פון די אַמעריקאַנער באַנקירן; אָבער מער ווי אַלץ איז דאָס אויסגערעכנט ווי אַ לעקעכל פאַר די אימפּעריאַליסטישע קאָנ־קורענטן פון די פאַראייניגטע שטאַטן, כדי זיי זאָלן זיך אָנשליסן אָן די אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטן אין דער מלחמה קעגן סאָוועטן פאַרבאַנד.

באַקעמפט די אימפּעריאַליסטן, וואָס גרייטן צו אַ מיליטערישע אינטער־ווענציע אין סאָוועטן פאַרבאַנד.

11.

דער שווינדל וועגן קאַפּיטאַליסטישע שלום אָפּמאַכן און אנטוואפענונגס קאָנפערענצן

דער אָפיציעלער פּאַציפיזם פון די קאַפּיטאַליסטישע און אימפּעריאַ־ליסטישע רעגירונגען איז ניט מער ווי אַ צוגאָב פאַר מער אינטענסיווע מלחמה צוגרייטונגען. אין דער איצטיגער צייט זיינען די מלחמה צוגרייטונגען פון די אימפּעריאַליסטישע מלוכות געריכטעט הויפּטזעכלעך צו מיליטערישער אינטערווענציע געגן סאָוועטן־פאַרבאַנד.

מיליטערישע אינטערווענציע אין סאָוועטן פאַרבאַנד איז איצט געוואָרן די גרעסטע געפאַר. דער לעצטער שריט אין דער דאָזיגער ריכטונג מצד דער הואָווער־רעגירונג פון דעם אַמעריקאַנעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס איז דער אַזוי גערופענער פאָרשלאַג פאַר אַ מאָראַטאָריום אויף אַ יאָר צייט אויף די פאַרשיידענע מלחמה חובות. דער פאָרשלאַג איז אויסגערעכנט צו ראַטעווען דעם דייטשישן קאַפּיטאַליזם פון דער שטייגנדיגער אַרבעטער רעוואָלוציע און צו באַשיצן די אינוועסטמענטס פון אַמעריקאַנער באַנקירן אין דייטשלאַנד. הואָווער און קאָמפּאַני דאַרפן האָבן דעם דייטשישן קאַפּיטאַליזם פאַר אינ־טערווענציע אין סאָוועטן פאַרבאַנד.

דער מאָראַטאָריום אויף מלחמה חובות איז אַ שטיק כאַבאַר צו די אייראָפּייאישע קאַפּיטאַליסטישע מלוכות כדי זיי זאָלן אָננעמען די אויבער־הערשאַפט פון דעם אַמעריקאַנעם אימפּעריאַליזם און זיין פירערשאַפט אין דער מלחמה געגן סאָוועטן פאַרבאַנד. הואָווער׳ס נייער פּלאַן איז אַ שריט פאַר מלחמה און אינטערווענציע. אָבער ווי געוויינטלעך איז דאָס איינגע־הילט אין ווערטער פון „שלום״.

זיי ריידן פון שלום און באַוואַפענען זיך פאַר מלחמה

פון זינט ס׳איז פאַרענדיגט געוואָרן די אימפּעריאַליסטישע מלחמה פון 1914־1918 האַלטן די אימפּעריאַליסטישע רעגירונגען אין איין ריידן וועגן שלום. די לעצטע מלחמה אַליין האָט געדאַרפט זיין די „לעצטע״ מלחמה. אנשטאָט דעם אָבער האָט זי געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר שאַרפערע אימ־פּעריאַליסטישע קאָנקורענצן און נייע מלחמות.

לויט דער אינפאָרמאַציע פון דער פעלקער ליג, וועלכע דעקט ניט אויף די פ ו ל ע סומע, וואָס די אימפּעריאַליסטישע מלוכות גיבן אויס אויף

באַוואָפנונגען, קריגן מיר דאָס פאָלגענדע בילד: די אייראָפּייאישע קאַפּיטאַליסטישע מלוכות האָבן אויסגעגעבן אויף באַוואָפנונגען יעדן יאָר, נ אָ ך דער לעצטער מלחמה מיט 30 פּראָצענט מער געלט ווי פ אַ ר דער מלחמה, און דאָס שוין נאָך דעם ווי די זיגערישע מלוכות האָבן געצוואונגען דייטשלאַנד און די אַנדערע באַזיגטע קאַפּיטאַליסטישע לענדער צו פאַרקלענערן זייערע באַוואָפנונגען.

מר. פּ. דזשייקאָבסאָן, אַ געוועזענער באַאַמטער פון דער פעלקער־ליג זאָגט:

„כדי צו ברענגען די באַוואָפנונגען פון די דאָזיגע לענדער (די זיגער— אַ. ב.) צו דער מדרגה פון 1908, וואָלטן זיי געדאַרפט פאַרקלענערט ווערן אויף אַ דורכשניט פון אומגעפער 30 פּראָצענט פון דער מדרגה פון 1928”.

באַזונדערס גרויס איז די פאַרגרעסערונג פון אויסגאַבן אויף באַוואָפנונגען אין די פאַראייניגטע שטאַטן, ווי ס׳איז אָנגעוויזן געוואָרן אין אַ פריערדיגן קאַפּיטל.

עס איז אויסגערעכנט געוואָרן, אַז אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער זיינען איצט פאַראַן 30 מיליאָן סאָלדאַטן, אַריינרעכענענדיג די אַקטיווע רעזערוון. דאָס מאַכט אויס צען מיליאָן מער ווי פאַר דער „לעצטער” מלחמה.

דאָס איז דער רעזולטאַט פון די קאַפּיטאַליסטישע רייד וועגן שלום, פון זייערע קאָנפערענצן און אָפּמאַכן. זיי ריידן וועגן שלום און גרייטן זיך צו מלחמה. און ו ו אָ ס מ ע ר זיי ריידן וועגן שלום, אַ ל ץ מ ע ר גרייטן זיי זיך צו מלחמה.

די וואַשינגטאָנער קאָנפערענץ אין 1921 וועגן „באַגרעניצן” ים־באַוואָפנונגען, האָט קיין פלאָטן ניט פאַרקלענערט, ניט „באַגרעניצט”. זי האָט בלויז פעסטגעשטעלט דאָס רעכט פון די פאַראייניגטע שטאַטן צו האָבן גלייכע ים־באַוואָפנונגען מיט ענגלאַנד, און דאָס האָט געפירט צום בויען נייע קריגשיפן. די לאָנדאָנער פלאָטן־קאָנפערענץ פון 1929, וואָס איז פאַררופן געוואָרן אויף צו „באַגרעניצן” באַוואָפנונגען, איז געווען אַ פולשטענדיגער דורכפאַל פון דעם שטאַנדפּונקט פון פאַרקלענערן ים־באַוואָפנונגען. זי האָט בלויז אויפגעדעקט די ביטערע פלאָטן־קאָנקורענץ צווישן די אַמעריקאַנער און בריטישע אימפּעריאַליסטן און די אַנטשלאָסנקייט פון אַמעריקע צו קעמפן פאַר איר איבערהערשאַפט אויף די ימים.

די פראַגע וועגן פאַרקלענערן באַוואָפנונגען אויף דער יבשה איז „געלייזט” געוואָרן אויף אַן ענלעכן אופן. אין מאַי 1920 האָט די פעלקער ליג אָנגעהויבן אַקטיוו צו נאַרן די מאַסן מיט אַ ריי מאַנעוורעס וועגן פאַרקלענערן באַוואָפנונגען. די ליג האָט באַשטימט אַ „פּערמאַנענטע באַראַטונגס־קאָמיסיע” צו „אונטערזוכן” די מעגלעכקייטן פון אַנטוואָפנונג. די קאָמיסיע האָט באַריכטעט, אַז זי קאָן ניט געפינען קיין וועג צו פאַרקלענערן באַוואָפנונגען. דערווייל איז די לאַסט פון באַוואָפנונגען אַלץ מער געשטיגן און ס׳איז אויך געשטיגן די געגנערשאַפט פון די מאַסן צו אימפּעריאַליסטישער מלחמה. דעריבער האָט די ליג אונטערנומען אַ נייע מאַנעוורע. אַ נייע קאָמיסיע, „די צייטווייליגע געמישטע קאָמיסיע” איז געגרינדעט געוואָרן אין 1921, און איז שפּעטער פאַרביטן געוואָרן אויף דער „קאָאָרדינאַציע־קאָ־

פיסיע". דער דאָזיגער שווינדל האָט זיך געצויגן ביז סעפטעמבער 1925, ווען ס'איז געוואָרן קלאָר פאר דער גאנצער וועלט, אז ס'איז א פייק און א שווינדל. דעריבער האָבן די אימפעריאַליסטן באשלאָסן אָפּצעווישן אינ־גאנצן דעם טאָוול־ברעט און אָנהויבן אויפ'ס ניי די קרימינעלע שפיל פון ריידן וועגן שלום און גרייטן מלחמה. דער רעזולטאט איז געווען די גרינ־דונג פון א „פאָרבארייטונגס קאָמיסיע פאר דער אנטוואפנונגס - קאָנפע־רענץ" — די איצטיגע שווינדל־אָרגאַניזאציע פון דער פעלקער־ליג.

וואָס איז דער סך הכל פון די אַלע קאפּיטאַליסטישע אָנשטעלן וועגן „שלום און אנטוואפנונג"? גרעסערע אַרמייען און פלאָטן, א שטאַרקערע יאַגעניש איבער קריגס־פלאָטן צווישן אַמעריקע און ענגלאַנד, צווישן פראַנק־רייך און איטאַליע; א ריזיגער וואוקס פון לופט־פלאָטן און גיפט־גאז באוואפ־נונגען, א ריזיגע פארגרעסערונג פון מיליטערישע און מלחמה־בודזשעטן, די שארפסטע קאָנקורענץ און עקאָנאָמישע מלחמה צווישן די אימפעריאַליס־טישע מלוכות, די אומפארמיידלעכקייט פון א נייער אימפעריאַליסטישער וועלט־מלחמה, מיט דער געפאר פון מיליטערישער אינטערווענציע געגן סאָ־וועטן פארבאנד — גרעסער און נעענטער ווי ווען ס איז.

דער סאָוועטן פארבאנד איז די גרעסטע קראַפט פאר וועלט שלום

דער סאָוועטן פארבאנד איז די גרעסטע קראַפט וואָס ארבעט פאר וועלט שלום. אנדערע כחות אין דער זעלביגער ריכטונג זיינען — די שטייגענדיגע אנטשלאָסנקייט פון די עקספּלואַטירטע מאסן צו באקעמפן אימפעריאַליס־טישע מלחמה מיט רעוואָלוציאָנערע מיטלען און די פירערשאפט פון דעם קאָמוניסטישן אינטערנאציאָנאַל אין דעם קאמף.

דער סאָוועטן פארבאנד פירט אן אויסגעהאַלטענע שלום פּאָליטיק. אין דער צייט ווען ער שטייט גרייט זיך צו פארטיידיגן, מיט דער הילף פון די עקספּלואַטירטע מאסן איבער דער גאנצער וועלט, געגן אן אטאקע פון די קאפּיטאַליסטן, האָט דער סאָוועטן פארבאנד ניט אויפגעהערט אויפצופאָדערן די קאפּיטאַליסטישע רעגירונגען, אז זיי זאָלן אויפהערן נארן די מאסן מיט שווינדלערישע מאַנעוורעס און אונטערנעמען אמת'ע אנטוואפנונג.

אין דעצעמבער 1927 האָט די סאָוועט רעגירונג פאָרגעלייגט פאר דער „צוגרייטונגס־קאָמיסיע פאר דער אנטוואפנונגס קאָנפערענץ" פון דער פעל־קער ליג א פּלאַן פון אנטוואפנונג. דער פּלאַן האָט פאָרגעשלאָגן, אז עס זאָלן אויפגעלייזט ווערן אַלע אַרמייען, קריגס־פלאָטן און לופט־פלאָטן. וואָס איז געשען מיטן פּלאַן? ער איז צוריקגעוויזן געוואָרן, און די קאפּיטאַליסטישע מלוכות זיינען אָנגעגאנגען מיט זייער מלחמה צוגרייטונגען.

אין פרילינג פון 1929 האָט די סאָוועט רעגירונג ווידער אמאָל פאָר־געשלאָגן א פּלאַן פאר אנטוואפנונג. אויפנעמענדיג די „אויסזעצונגען" פון די קאפּיטאַליסטישע מלוכות געגן דעם ערשטן פּלאַן פון דעם סאָוועטן־פאר־באנד, אז פולשטענדיגע אנטוואפנונג איז, הייסט עס, נ י ט פּראַקטיש און „אוטאָפּיסטיש", האָט די סאָוועטן רעגירונג ארויסגעפאָדערט די קאפּי־טאַליסטישע מלוכות זיך איינינגן אויף א פּלאַן פון ט י י ל ו ו י י ז ע ר

אנטוואפנונג. דער פלאן האט פארגעשלאגן, אז די שטארקסטע מלוכות זאלן פארקלענערן זייערע באוואפנונגען אויף 50 פראצענט, די מיטעלע מלוכות — אויף 33 פראצענט און די קלענערע מלוכות — אויף 25 פראצענט. וואס איז געשען מיט דעם דאזיגן פלאן? די קאפיטאליסטן האבן אים אויך אפ־געווארפן און זיינען אנגעגאנגען מיט זייערע באוואפנונגען און מלחמה־צוגרייטונגען.

ס'איז וויכטיג צו באמערקן, אז די צוויי אימפעריאליסטישע מלוכות, וואס גרייטן זיך צום שטארקסטן פאר מלחמה, אמעריקע און פראנקרייך, זיינען געווען די הויפט־טשעמפיאנען פון דעם אימפעריאליסטישן אפמאך צו שטעלן מלחמה „אויסער געזעץ“, און זיך אפזאגן פון מלחמה ווי אז אינסטרו־מענט פון נאציאנאלער פאליטיק. דער קעלאג שלום אפמאך איז א קעלאג־בריאן אפמאך, דער פאראייניגטער רעזולטאט פון די „שלום“ פארזוכן פון אמעריקע און פראנקרייך. דער דאזיגער „שלום“ אפמאך פאסט זיך אריין זייער פיין אין די מלחמה פלענער פון די דאזיגע מלוכות, ווי א צידעק און א שירעם פאר זייערע מלחמה צוגרייטונגען.

די אימפעריאליסטישע מלוכות פארמעסטן זיך צו געפינען אן אויסוועג פון דעם קריזיס דורך נייע מלחמות, ספעציעל — דורך מיליטערישער אינ־טערווענציע געגן סאוועטן־פארבאנד. ערב דער אינטערווענציע ארגאניזירן און פירן אן די אימפעריאליסטן אן ע ק א נ א מ י ש ע מלחמה געגן סא־וועטן פארבאנד. זיי טוען דאס דורך העצעס צו באיקאטירן סאוועטישע סחורות און אפשטעלן דעם ארייגפיר פון מאשינעריע אין סאוועטן פארבאנד, כדי דערמיט צו שטערן דעם פינף־יאר פלאן פון סאציאליסטישן אויפבוי. די הואווער רעגירונג שפילט א פירענדע ראל אין דער דאזיגער צוגרייטונג צו מיליטערישער אינטערווענציע.

סאוועטישע „דאמפינג“ און ענלעכע ליגנס דארפן דאס דינען ווי דער באזיס פאר דער עקאנאמישער מלחמה געגן סאוועטן פארבאנד. די סאוועט רעגירונג האט אויך דעם דאזיגן ליגן ארונטערגעריסן אויף א גאנץ ווירק־זאמען אופן. אויף דער לעצטער קאנפערענץ פון דער „קאמיסיע וועגן איי־ראפייאישן בונד“ פון דער פעלקער ליג, וואס איז געהאלטן געווארן אין זשע־נעווא, האט מאקסים ליטווינאוו, פארטרעטער פון סאוועטן פארבאנד, פאר־געשלאגן די „פולשטענדיגע אויפהערונג פון אלע פארמען פון עקאנאמישן אנגריף“. ער האט ארויסגעפאדערט די קאפיטאליסטישע מלוכות אונטערצו־שרייבן דעם פראטאקאל געגן עקאנאמישן אנגריף, וועגן וועלכן מיר האבן גערעדט אין א פריערדיגן קאפיטל. די קאפיטאליסטן האבן אבער געהאנדלט לויט זייער געוויינטלעכער טבע און האבן אפגעווארפן דעם פארשלאג. פאר־וואס? ווייל די פאליטיק פון דעם קאפיטאליזם אין זיין איצטיגער שטופע פון אימפעריאליזם און אונטערגאנג איז א פאליטיק פון אומבאגרעניצטער עקאנאמישער מלחמה, וואס פירט צו באוואפנטער מלחמה צוליב דער מאנא־פאליסטישער עקספלואטאציע פון די קאלאניעס; ווייל די איצטיגע פאליטיק פון דעם קאפיטאליזם בנוגע דעם סאוועטן פארבאנד איז די פאליטיק פון אנטאגאניזם, וואס לאזט זיך ניט אויפלייזן, די פאליטיק פון מיליטערישער

אינטערווענציע אויף צו פארניכטן די סאציאליסטישע סיסטעם, וואס איז געקומען צו פארנעמען דעם פלאץ פון קאפיטאליזם איבער דער גאנצער וועלט.

אין איינקלאנג מיט דער ליניע וואס ליטווינאוו האט פארגעשלאגן אויף דער זשענעווע קאנפערענץ, האט די סאוועטישע דעלעגאציע אויף דער ווייץ קאנפערענץ אין לאנדאן פארגעשלאגן זיך צו פאראייניגן מיט די ווייץ־עקספארטירענדע לענדער אויף אויסצוארבעטן א פלאן וועגן פארטיילן די ווייץ־געוועטעניש פון 1931 מיט דער באדינגונג, אז „די מעגלעכע מעטאדן פון לייזן די דאזיגע וויכטיגע פראגע טארן אבער ניט פירן צו א פארקלענע־רונג פון דעם לעבנס־סטאנדארד פון די ארבעטנדיגע מאסן". דאס איז געווען א גאנץ קלארער ענטפער אויף דער באשולדיגונג פון די אמעריקאנער אימ־פעריאליסטן, אז דער סאוועטן פארבאנד „דאמפט" ווייץ. אבער די קאפי־טאליסטן האבן ניט אנגענומען דעם דאזיגן אנבאט פון סאוועטן פארבאנד. דער שטארקסטער געגנער פון דעם דאזיגן אנבאט איז געווען דער אמע־ריקאנער דעלעגאט.

כדי צו באהאלטן פון די מאסן די זייער שארפע שטופע פון אימפע־ריאליסטישע קאנקורענץ־קאמפף, די אומפארמיידלעכקייט פון א נייער אימ־פעריאליסטישער מלחמה, און אין דער ערשטער ריי — די צוגרייטונגען צו שער אינטערווענציע אין סאוועטן פארבאנד.

אזוי ווערן אנטפלעקט די ק א נ ט ר א ס ט ן צווישן דער שלום פא־ליטיק פון סאוועטן פארבאנד און דער מלחמה פאליטיק פון די קאפיטאליס־טישע מלוכות. אזוי ווערט אלץ קלארער, אז די קאפיטאליסטישע רעגירונ־גען, געפירט פון אמעריקע, גרייטן זיך מיט גרויס אימפעט צו א מיליטערי־מיליטערישער אינטערווענציע געגן סאוועטן פארבאנד, גרייטן צו די אימ־פעריאליסטישע מלוכות נאך אן „אנטוואפנונגס" קאנפערענץ, וואס דארף פארקומען אין 1932.

צי די קאנפערענץ וועט טאקע פארקומען איז ניט אזוי וויכטיג פאר די מלחמה־מאכער און אינטערווענציאניסטן. וויכטיג איז פאר זיי צו קא־נען זאגן די מאסן, אין די פארשיידענע לענדער, אז די רעגירונגען ארבעטן פאר שלום און אנטוואפנונג. די משרתים פון ענגלישן אימפעריאליזם, די בריטישע „לייבאר" רעגירונג, זוכט שוין אויסצונוצן די קומענדיגע „אנט־וואפנונגס" קאנפערענץ, כדי צו פארשטארקן איר זינקענדיגן איינפלוס צווישן די מאסן. הואווער וויזט אויך אן אויף דער דאזיגער קאנפערענץ ווי אויף א באווייז, אז זיין רעגירונג שניידט זיך א פאלע פאר „שלום". דערווייל אבער פארגרעסערן זיי זייערע באוואפנונגען און גרייטן צו א מיליטערישע אינטערווענציע געגן סאוועטן פארבאנד.

דעריבער מוזן די אנטי־מלחמה דעמאנסטראציעס פון ערשטן אויגוסט, וואס די קאמוניסטישע פארטיי האט פארופן, פארוואנדלט ווערן אין מעכ־טיגע מאסן־פראטעסטן געגן מיליטערישער אינטערווענציע און פאר דער פארטיידיגונג פון סאוועטן־פארבאנד.

.12

מלחמה־געפאר פארגרעסערט די געפאר פון מיליטערי־שער אינטערווענציע אין סאוועטן פארבאנד

ס'איז א גרויסער טעות צו דיינקען, אז די שטייגנדיגע געפאר פון א מלחמה צווישן די אימפעריאליסטן מאכט קלענער די געפאר פון אינטער־ווענציע אין סאוועטן פארבאנד. ס'איז פונקט דער היפוך: וואס שארפער עס ווערן די אימפעריאליסטישע קאנקורענץ־קאמפן, אלץ שארפער ווערט די געפאר פון מיליטערישער אינטערווענציע.

די עלפטע פלענארע זיצונג פון דער עקזעקוטיווער קאמיטע פון דעם קאמוניסטישן אינטערנאציאנאל, וואס איז אפגעהאלטן געווארן אין מאסקווע, אין אפריל, 1931, דריקט אוים דעם דאזיגן געדאנק אין די פאל־גענדע ווערטער:

„דער שטייגנדיגער אנטאגאניזם פון אינטערעסן צווישן די אימפעריאליסטן פארקלענערט ניט, נאר פארקערט, פארגרע־סערט די געפאר פון אן אינטערווענציע־מלחמה אין דעם פארבאנד פון סאציאליס־טישע סאוועט־רעפובליקן".

יעדע וויכטיגע געשעעניש באשטעטיגט דעם אמת פון דער דאזיגער דערקלערונג. באטראכט, צום ביישפיל, די ווירקונג פון דער אימפעריא־ליסטישער קאנקורענץ צווישן ענגלאנד און אמעריקע אויף דער געפאר פון מיליטערישער אינטערווענציע אין סאוועטן פארבאנד. איינער פון די פעטסטע ביסנס איבער וועלכן עס רייסן זיך ארום די אימפעריאליסטישע באנדיטן, איז דער קאנטראל איבער די אויל־קוואלן און מארקן פון דער וועלט. די אמעריקאנער אויל־טראסטס און די ענגלישע אויל־טראסטס פירן א קאמף אויף לעבן און טויט, וואס דאס ברענגט נעענטער די מלחמה צווישן אמעריקע און ענגלאנד.

די פראגע איז: צי פארקלענערט דער אימפעריאליסטישער קאמף צווישן ענגלישע און אמעריקאנער אויל־טראסטס די געפאר פון מיליטערישער אינטערווענציע אין סאוועטן פארבאנד? דער ענטפער איז: דער קאמף פארגרעסערט די געפאר. פארוואס? דער סאוועטן פארבאנד פארנעמט א ריזיגע טעריטאריע, א זעקסטל־חלק פון דעם ערד־קוגל. ער פארמאגט ריזיגע נאטור־אוצרות. דאס איז איינע פון די אורזאכן פארוואס לענין האט גע־גלויבט, אז דער סאוועטן פארבאנד האט אין זיך גופא אלץ וואס איז נויטיג אויף אויפצובויען א סאציאליסטישע געזעלשאפט.

אויל איז איינער פון די נאטור־אוצרות, וואס דער סאוועטן פאר־באנד פארמאגט. די אויל־קוואלן געפינען זיך הויפטזעכלעך אין קאווקאז. דער סאוועטן פארבאנד איז איצט דאס צווייטע גרעסטע לאנד אין פרט פון אויל־פראדוקציע.

צי וועט ניט דער דאזיגער פאקט אויפוועקן אין די מוחות פון די

ענגלישע און אַמעריקאַנער אויל-טראַסטס געווינסע „טרוימען" און מעגלעכ-
קייטן? די דאָזיגע מאָנאָפּאָליסטישע רויבער נישטערן אין יעדן ווינקל
פון דעם ערד-קוגל צו פאַרכאַפּן נייע אויל-קוואַלן. זיי קעמפן מיט ציין
און נעגל פאַר יעדן ברעקל פון אַלטע און ניי-אַנטדעקטע אויל-פעלדער, און
אין סאָוועטן-פאַרבאַנד איז פאַראַן ריזיגע אויל-רעזערוון, אויף וועלכע די
אימפעריאַליסטישע באַנדיטן קענען ניט אָוועקלייגן זייערע לאַפּעס. איז
דאָס ניט קיין ערגעניש? ס'איז מער ווי דאָס, ס'איז אַ שטענדיגער נסיון
פאַר יעדן פון זיי צו פּרואוון פ א ר כ א פּ ן די סאָוועטישע אויל-קוואַלן
דורך אינטערווענציע און אַזוי אַרום פאַרשטאַרקן דעם מאָנאָפּאָליסטישן
קאָנטראָל איבער דעם אויל פון דער גאַנצער וועלט אין דעם קאַמף געגן דעם
קאָנקורענט. אָדער, אויב נויטיג, צו ט י י ל ן ז י ך מיט דעם קאָנקור-
רענט. לויט דעם חשבון פון די אימפעריאַליסטן וואָלט דאָס געווען אַ דריי-
פאַכער געווינס. עס וואָלט פאַרגרעסערט די מאָס אויל אונטער אימפעריאַ-
ליסטישן קאָנטראָל, עס וואָלט פאַרקריפּלט דעם אויפבוי פון סאָציאַליזם
אין סאָוועטן פאַרבאַנד און עס וואָלט אפשר אָפּגערוקט דעם טאָג פון באַ-
וואָפנטן קאָנפליקט צווישן ענגלאַנד און סאָוועטן פאַרבאַנד איבער דער
וועלט-איבערהערשאַפט.

דאָס איז ניט גלאַט אַ סברה. אויף דעם פּראָצעס פון דער קאָנטער-
רעוואָלוציאָנערער „אינדוסטריעלער פּאַרטיי" לעצטן ווינטער האָבן די באַ-
שולדיגטע אין זייערע דירעקטע דערקלערונגען אויפגעדעקט דאָס פאָלגענדע:
ענגלאַנד איז גרייט צו שטיצן די אינטערווענציע מיט איר קריגס-פלאָט.
אויף וועלכן אופן? דורך אַן אַטאַקע אויף קאַווקאַז. און וואָס וואָלט
ענגלאַנד געקראָגן דערפאַר? די קאַווקאַזער אויל-פעלדער צום ווינציגסטן.
ס'איז דערקלערט און באַשטעטיגט געוואָרן אויף דעם פּראָצעס, אַז דעטער-
רינג און טשווירטשיל האָבן געמאַכט אַזאַ איינאָרדנונג מיט דעם „טאָרג-
פּראָם", די פּאַריזער אָרגאַניזאַציע פון די געוועזענע רוסישע קאַפּיטאַליסטן,
וואָס האָט צו טאָן מיט די פאַרברייטונגען פאַר דער אינטערווענציע צוזאַמען
מיט דעם פראַנצויזישן גענעראַל-שטאַב. דעטערדינג, דער הויפּט פון דעם
ענגלישן אויל-טראַסט, האָט זיך אונטערגענומען צו פינאַנסירן די צעשטע-
רערישע אַרבעט פון דער „אינדוסטריעלער פּאַרטיי",—די שעדיגונגס קאַמ-
פּאַניע, וואָס האָט געזאָלט דורכגעפירט ווערן אין סאָוועטן פאַרבאַנד ערב דער
מיליטערישער אינטערווענציע.

דער אַמעריקאַנער אויל-טראַסט איז אינגאַנצן אויסגעלאָזט געוואָרן
פון די אינטערווענציע-פּלענער. דעריבער מאַכט דאָס די הוואָווער-רעגירונג
אַזוינע אַנטשיידענע אָנשטרענגונגען צו ווערן די פּ י ר ע ר י ן פון אינ-
טערווענציע אין סאָוועטן פאַרבאַנד. אויב דער סאָוועטישער אויל קאָן
פאַרכאַפּט ווערן דורך אינטערווענציע, וועט אַמעריקע דאָס טאָן אַנשטאָט
צו לאָזן ענגלאַנד פאַרכאַפּן דעם פעטן ביסן פאַר זיך. דאָס זיינען די שלום,
וואָס די אַמעריקאַנער אימפעריאַליסטן האָבן געצויגן פון דעם פּראָצעס פון
דער „אינדוסטריעלער פּאַרטיי".

וואס באווייזט עס? עס באווייזט, אז דער שטייגנדיגער אנטאגאניזם פון די אינטערעסן פון די אימפעריאליסטן פארקלענערט ניט, נאר, פארשערפט, פארגרעסערט די געפאר פון אינטערווענציע אין סאוועטן געפאר.

באטראכט אויך די ווירקונג פון דעם שטייגנדיגן אנטאגאניזם צווישן די אייראפייאישע קאפיטאליסטישע מלוכות און די פאראייניגטע שטאטן אויף דער געפאר פון אינטערווענציע. שוואכן די דאזיגע אנטאגאניזמען אפ אדער זיי פארשטארקן די געפאר? זיי פארשטארקן זי. ס'איז גענוג אנצוגעבן בלויז עטלעכע פאקטן. איינע פון די אנגעזעענסטע שטרייט־פונקטן צווישן דעם קאפיטאליזם אין אייראפע און דעם אמעריקאנעם קאפיטאליזם איז די פאדערונג פון די אייראפייאישע קאפיטאליסטישע מלוכות, אז די מלחמה־חובות זאלן אפגעווישט ווערן. יארן לאנג האט דער אמעריקאנישער אימפעריאליזם ניט געוואלט הערן פון וועלכן ס'איז פארשלאג וועגן פארקלענערן די מלחמה־חובות, שוין אפגערעדט פון זיי מבטל זיין. לעצטנס איז אבער פארגעקומען אן ענדערונג. דער אנהויב פון דער ענדערונג האט זיך שוין געמערקט בעת דער קאנווענשאן פון דער אינטערנאציאנאלער־האנדלס־קאמער (טשיימבער אוו קאמערס) אין וואשינגטאן. איצט האט די ענדערונג אנגענומען די פארם פון דעם הואווער־פארשלאג וועגן אמאראטאריום אויף די מלחמה־חובות.

וואס באדייטן די דאזיגע שריט? אויף דער קאנווענשאן פון דער אינטערנאציאנאלער האנדלס־קאמער האט די הואווער־גרופע זיך אנגעשטריינגט אויסצוקריסטאליזירן אן אינטערנאציאנאלן עקאנאמישן באיקאט פון די קאפיטאליסטן געגן סאוועטן פארבאנד אונטער דער פירערשאפט פון אמעריקאנעם קאפיטאליזם. די וואפע פון מלחמה־חובות איז באנוצט געווארן פון דער הואווער־רעגירונג אויף צו צווינגען די אייראפייאישע מלוכות אנצונעמען די אמעריקאנער פירערשאפט אין דער אנטי־סאוועטישער מלחמה. ווייזט אויס, אז אויף דער קאנווענשאן פון דער אינטערנאציאנאלער האנדלס־קאמער איז מען צו קיין פראקטישע רעזולטאטן ניט געקומען אין דער פראגע.

דערנאך מאכט הואווער דעם צווייטן שריט. ער שלאגט פאר א מאראטאריום. דער צוועק דערפון איז, פארשטייט זיך—אפצושטופן די ארבעטער־רעוואלוציע אין דייטשלאנד און צו ראטעווען די אינוועסטמענטס פון אמעריקאנער קאפיטאליזם אין יענעם לאנד. אבער דאס איז ניט אלץ. ס'איז אויך א פארזוך „ווייכער צו מאכן" און צו פאריאגן די שטייגנדיגע אפאזיציע פון דעם אייראפייאישן קאפיטאליזם צום אמעריקאנעם קאפיטאליזם דורך אן אנבאט פון דעם מאראטאריום, ווי א שטיק כאבאר צו איינגע אייראפייאישע קאפיטאליסטישע מלוכות כדי זיי אריינצוציען אין דער אנטי־סאוועטישער מלחמה אונטער דער פירערשאפט פון דעם אמעריקאנעם קאפיטאליזם.

וואָס באַווייזט דאָס? עס באַווייזט אַז דער שטייגנדיגער אַנטאַגאָניזם צווישן אַמעריקאַנער און אייראָפּייאישן קאַפּיטאַליזם פאַרגרעסערט די געפאַר פון אינטערווענציע געגן סאָוועטן פאַרבאַנד.

באַטראַכט ווייטער די ווירקונג פון דער קאָנקורענץ צווישן פראַנקרייך און דייטשלאַנד אויף דער געפאַר פון מיליטערישער אינטערווענציע. דער אַנטאַגאָניזם צווישן פראַנצויזישן און דייטשן קאַפּיטאַליזם ווערט אַלץ גרעסער און שאַרפער. דאָס האָט געפירט צו אַ ריי פאַרשיידענע אַנטוויקלונגען איןביידע לענדער. איינע פון די דאָזיגע אַנטוויקלונגען איז די טענדענץ אין דער ריכטונג פון אַ פאַרשטענדיגונג צווישן ביידע לענדער אויף דעם באַזיס פון אַ בונד געגן ס אָ וו ע ט ן פ אַ ר ב אַ נ ד, אַ בונד פאַר מיליטערישער אינטערווענציע. פאַרהאַנדלונגען פאַר דעם דאָזיגן צוועק זיינען געפירט געוואָרן פאַראיאָרן און היי־יאָר צווישן פאַרטרעטער פון גרויסקאַפּיטאַל פון פראַנקרייך און דייטשלאַנד. עס זיינען, פאַרשטייט זיך, דאָ גרויסע שוועריגקייטן אויף דעם וועג צו פאַרווירקלעכן אַזאַ בונד, דאָך איז אין ביידע לענדער פאַראַן מעכטיגע קאַפּיטאַליסטישע אינטערעסן, וואָס אַרבעטן אָן אויפהער פאַר אַ געמיינשאַפטלעכער מלחמה געגן סאָוועטן פאַרבאַנד.

דאָס באַווייזט נאָך אַמאָל, אַז די שטייגנדיגע אַנטאַגאָניזמען צווישן די אימפּעריאַליסטן פאַרגרעסערן די געפאַר פון אַן אינטערווענציע געגן דעם פאַרבאַנד פון סאָציאַליסטישע סאָוועט־רעפּובליקן. עס באַווייזט, אַז ווען די ווידערשפּרוכן צווישן די אימפּעריאַליסטן דערגרייכן צו אַ באַזונדער שאַרפער שטופע, ווערט געמאַכט אַ פּאַרזוך צו לייזן די דאָזיגע ווידערשפּרוכן א ו י ף ד ע ם ח ש ב ו ן פ ו ן ס אָ וו ע ט ן - פ אַ ר ב אַ נ ד. דאָס ווערט געפּלאַנט אויף דעם זעלביגן אופן, ווי די קאַפּיטאַליסטן פון יעדן לאַנד זוכט צו לייזן דעם קריזיס אויף דעם חשבון פון די אַרבעטנדיגע מאַסן אין זייערע אייגענע לענדער און אין די קאָלאָניעס.

דער אַנטאַגאָניזם צווישן קאַפּיטאַליזם און סאָציאַליזם

צווישן קאַפּיטאַליזם און סאָציאַליזם קאָן קיין שלום ניט זיין. סאָציאַליזם איז געקומען צו פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון קאַפּיטאַליזם איבער דער גאַנצער וועלט. די אַרבעטנדיגע און אונטערדריקטע מאַסן אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער און אין די קאָלאָניעס קעמפן פאַר דעם צוועק אונטער דער פירערשאַפט פון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען, ווי פאַר זייער איינציגן אויסוועג פון חורבן, הונגער און מלחמה.

דער קאַפּיטאַליזם זעט, אַז ס'ווערט ביי אים אַוועקגענומען אַ זעקסטל חלק פון דער ערד, די טעריטאָריע פון סאָוועטן פאַרבאַנד, וואו ער קאָן ניט פאַרשקלאַפן און עקספּלואַטירן. דער קאַפּיטאַליזם זעט פאַר זיך די געפאַר פון דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריאַליזאַציע אין סאָוועטן פאַרבאַנד, וואָס מאַכט מעגלעך פאַר דעם לאַנד פון סאָציאַליזם צו אַנטוויקלען זיין עקאָנאָמישן לעבן אומאָפּהייגיג פון דער טעכניק פון די קאַפּיטאַליסטישע

לענדער. מארקן ווערן אַלץ מער און מער באַשראַנקט דורך דעם קריזיס און דער פאַראָרעמטקייט פון די מאַסן. די אימפעריאַליסטן זוכן זיך ארויס־צופּלאָנטערן פון דעם קריזיס אויף דעם חשבון פון די מאַסן, אויף דעם חשבון פון זייערע קאָנקורענטן, אויף דעם חשבון פון די קאָלאָניעס און דעם סאָוועטן פארבאַנד. דאָס פירט צו אַ פּאָליטיק פון אומבאַגרענצטע פּראָטעקטיווע טאַריפן, טאַריף־מלחמות און „דאָמפּינג“. עס פירט צו אַ פארשטאַרקטן אימפעריאַליסטישן קאַמף פאַר אויבערהערשאַפט אויף דער וועלט און פאַר צעטיילן אויפס נײַ די קאָלאָניעס. עס פירט צו פאַרגרע־סערטע פאַרברייטונגען צו אימפעריאַליסטישער מלחמה און מלחמה אינ־טערווענציע געגן סאָוועטן פאַרבאַנד.

דער קאַפּיטאַליזם זוכט צו פאַרניכטן דעם סאָציאַליזם אין סאָוועטן פאַרבאַנד פונקט ווי ער זוכט צו צעשמעטערן די אַרבעטער באַוועגונג אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, פונקט ווי ער פירט מלחמה אויף צו אונטער־דריקן די קאָלאָניאַלע רעוואָלוציעס. דער קאַפּיטאַליזם זוכט זיך צו ראַטעווען פון אונטערגאַנג דורך אַ קאָנצענטרירטער אַטאַקע געגן דער נייער סאָציאַ־ליסטישער וועלט.

די אַרבעטער־מאַסן זעען דעם קאָנטראַסט צווישן קאַפּיטאַליזם און סאָ־ציאַליזם און ציען דערפון שלוסן, אַז זיי דאַרפן זיך שטעלן אין רעוואָלוציאָ־נערן קאַמף געגן קאַפּיטאַליזם. קריזיס, הונגער, אַרבעטלאָזיגקייט און קאַפּי־טאַליסטישע דיקטאַטור אין דער סאָציאַליסטישער וועלט; וואוקס פון עקאָ־נאָמישן לעבן, פאַרבעסערונג אין דער לאַגע פון די מאַסן, קיין אַרבעטלאָזיגקייט און אַ דיקטאַטור פון אַרבעטער קלאַס אין דער סאָציאַליסטישער וועלט. די מאַסן זעען דעם דאָזיגן קאָנטראַסט און באַשליסן אין אַלץ אַ גרעסערער צאָל צו קעמפן געגן דער קאַפּיטאַליסטישער דיקטאַטור, וואָס רופט זיך „דעמאָ־קראַטיע“ און פאַר דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, וואָס איז די אמת'ע דע־מאָקראַטיע פון אַרבעטער־קלאַס.

דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס זעט און פילט די געפאַר פון דעם וואוקס פון סאָציאַליזם און באַשליסט צו גרייטן זיך מער אינטענסיוו פאַר מיליטע־רישער אינטערווענציע אין סאָוועטן פאַרבאַנד.

דער אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם נעמט אויף זיך די פערערשאַפט פון די אימפעריאַליסטישע צוגרייטונגען פאַר אינטערווענציע. כדי דורכצו־פירן די דאָזיגע אויפגאַבע איז סטימסאָן און מעלאָן איצט אין אייראָפּע. הוואווער'ס פּלאַן וועגן אַ מאַראַטאָריום אויף מלחמה־חובות איז אויסגערעכנט צו מאַכן גרינגער די מלחמה און אינטערווענציע־מיסיע פון סטימסאָן און מעלאָן.

דעריבער זיינען די דעמאָנסטראַציעס פון ערשטן אויגוסט היי־יאָר אַזוי וויכטיג. די דאָזיגע דעמאָנסטראַציעס מוזן זיין מעכטיג און שטורמיש. זיי מוזן לאָזן וויסן דעם הערשנדיגן קלאַס פון אַמעריקע, אַז די אַרבעטנדיגע מאַסן דאָ אין לאַנד וועלן שטיין מיט'ן סאָוועטן פאַרבאַנד און קעמפן פאַר זייער סאָציאַליסטישן פאָטערלאַנד.

.13

אָרגאַניזירט זיך פאַר׳ן קאַמף געגן מלחמה און מיליטע־רישער אינטערווענציע

די געפאַר פון באוואפנטער אינטערווענציע געגן סאָוועטן פאַרבאַנד איז געוואָרן א דירעקטע געפאַר פאַר דעם אַרבעטער קלאַס פון דער גאַנצער וועלט. די אַלץ גרעסערע געפאַר פון א נייער אימפעריאַליסטישער מלחמה מאַכט נאָך גרעסער די געפאַר פון מיליטערישער אינטערווענציע. די מאַסן מוזן זיך אָרגאַניזירן און זיך פאַרזאַמלען אונטער די פאָנען פון דער קאָמוּניסטישער פּאַרטיי פאַר דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף געגן אימפעריאַליסטישער מלחמה און מיליטערישער אינטערווענציע.

לעניג׳ס לערע וועגן באַקעמפן אימפעריאַליסטישע מלחמה

דער קאַמף געגן אימפעריאַליסטישער מלחמה איז א קאַמף געגן קאַפּיטאַליזם וואָס שאַפט די מלחמה. ס׳איז א קאַמף אויף אומצוּוואַרפן די הערשאַפט פון דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס און עטאַבלירן די הערשאַפט פון דעם אַרבעטער קלאַס. לעניג׳ס הויפּט-לערע וועגן דעם קאַמף געגן אימפעריאַליסטישער מלחמה איז: פאַרוואַנדלט די אימפעריאַליסטישע מלחמה אין א מלחמה געגן אימפעריאַליזם; פאַרוואַנדלט די אימפעריאַליסטישע מלחמה אין א בירגער קריג געגן קאַפּיטאַליזם און פאַר דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט.

צו פאַרטיידיגן „דאָס לאַנד און פאָטערלאַנד", אַזוי לאַנג ווי דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס האָט די מאַכט, מיינט צו מקריב זיין דעם אַרבעטער קלאַס צו די אינטערעסן פון דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס. עס מיינט העלפן פאַראייביגן די ליידן, די שקלאַפעריי און די עקספּלואַטאַציע, וואָס דער אַרבעטער קלאַס שטייט זיך אויס פון די קאַפּיטאַליסטן. עס מיינט — העלפן די קאַפּיטאַליסטן און אימפעריאַליסטן ראַטעווען דעם קאַפּיטאַליזם.

בלויז ווען עס ווערט אומגעוואָרפן די קאַפּיטאַליסטישע הערשאַפט און עס ווערט עטאַבלירט די הערשאַפט פון דעם אַרבעטער קלאַס, באַקומען די מאַסן א לאַנד און א פאָטערלאַנד. בלויז דאַמאָלט ווערט עס די פליכט פון די אַרבעטער און עקספּלואַטירטע פאַרמער צו פאַרטיידיגן און באַשיצן זייער לאַנד פון קאַפּיטאַליסטישע און אימפעריאַליסטישע אַטאַקעס.

די אַרבעטנדיגע מאַסן פון אַמעריקע האָבן איצט ניט קיין לאַנד און קיין פאָטערלאַנד. דאָס לאַנד איז היינט צו טאָג — מאָרגאַנ׳ס לאַנד, ראָקעפעלער׳ס, הוּווער׳ס. ס׳איז דאָס לאַנד פון גרויס קאַפּיטאַל. ס׳איז דאָס פאָטערלאַנד פון קאַפּיטאַליסטן און אימפעריאַליסטן. א מלחמה געפירט פון די פאַראייניגטע שטאַטן, וואָס דער אָפיציעלער ציל זאָל ניט זיין, איז א מלחמה פון רויב און אונטערדריקונג געגן די עקספּלואַטירטע מאַסן.

כדי צו פאַרוואַנדלען אַמעריקע אין דעם לאַנד פון די אַרבעטער און פון די עקספּלואַטירטע פאַרמער, כדי צו מאַכן דאָס פאַר דעם פאָטערלאַנד

פון דער גרויסער מערהייט פון דער באַפעלקערונג, מוז די קאַפיטאַליסטישע הערשאַפט אומגעוואָרפן ווערן און אויף איר פּלאַץ איינגעשטעלט ווערן די הערשאַפט פון דעם ארבעטער קלאַס.

אין א מלחמה צווישן דעם הערשער קלאַס פון אמעריקע און וועלכער ס'איז אַנדערער אימפּעריאַליסטישער מלוכה, ענגלאַנד, צום ביישפּיל, וועט עס זיין אין די אינטערעסן פון די האָרעפּאַשנע מאַסן פון אמעריקע צו ב א ז י ג ן דעם אמעריקאַנער אימפּעריאַליזם. ווייל דאָס וועט אָפּשוואַכן און דעמאָראַליזירן דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס און וועט העלפן דעם אַר־בעטער קלאַס איינצופירן זיין הערשאַפט. און אויף דעם שלאַכטפעלד פון אזא מלחמה איז עס די פליכט פון די ארבעטער און די פּאַרמער אין דער אמעריקאַנער ארמיי צו פאַרברידערן זיך און זיך פאַראייניגן מיט די ארבעטער און פּאַרמער פון דער ענגלישער ארמיי כדי אומצעוואַרפן ב י י ד ע אימ־פּעריאַליזמען און איינפירן סאָוועט רעגירונגען סיי אין אמעריקע און סיי אין ענגלאַנד.

אין א מלחמה פון די אמעריקאַנער אימפּעריאַליסטן געגן אַן אונטער־דריקטן קאָלאָניאַלן פאָלק, וואָס קעמפט פאַר זיין באַפרייאונג, איז עס אין די בעסטע אינטערעסן פון די האָרעפּאַשנע מאַסן פון אמעריקע צו באַזיגן די אמעריקאַנער קלאַס־הערשאַפט, צו גיבן די אַקטיווסטע שטיצע צו די רעּ־וואָלוציאָנערע און אַנטי־אימפּעריאַליסטישע כחות אין דעם קאָלאָניאַלן לאַנד, אין אמעריקע און אויף די שלאַכטפעלדער. אזא מלחמה פירן איצט די אמעריקאַנער אימפּעריאַליסטן אין כינע, וואו גרויסע טעריטאָריעס זיינען שוין אונטער דער הערשאַפט פון די ארבעטער און פּויערים, וואָס זיינען אָרגאַניזירט אין א סאָוועט רעגירונג. אזא מלחמה פירן איצט די אמערי־קאַנער אימפּעריאַליסטן געגן דעם פאָלק פון ניקאַראַגוא, וואָס קעמפט געגן דער הערשאַפט פון די מארינס און פאַר נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיגקייט. די אויפגאַבע און פליכט פון די ארבעטנדיגע מאַסן אין אמעריקע איז צו קעמפן פאַר דעם זיג פון די באַפרייאונגס־באַוועגונגען אין די קאָלאָניאַלע לענדער און פאַר א מפּלה פון דעם אמעריקאַנעם אימפּעריאַליזם.

אין דער מלחמה וואָס דער אמעריקאַנער אימפּעריאַליזם גרייט צו געגן סאָוועטן פאַרבאַנד זיינען די אינטערעסן פון די אמעריקאַנער ארבעטער און עקספּלואַטירטע פּאַרמער דיזעלביגע ווי די אינטערעסן פון די ארבעטער און פּויערים פון סאָוועטן פאַרבאַנד. די דאָזיגע אינטערעסן פאָדערן דעם זיג פון דעם סאָציאַליסטישן סאָוועטן פאַרבאַנד און די מפּלה פון דער קאַ־פּיטאַליסטישער אמעריקע. די מיליטערישע אינטערווענציע, וואָס די אימ־פּעריאַליסטן גרייטן צו געגן סאָוועטן פאַרבאַנד, איז א מלחמה פון קאַפּי־טאַליזם געגן סאָציאַליזם. ס'איז א ק ל א ס מ ל ח מ ה פון די עקס־פּלואַטאַטאָרס געגן די עקספּלואַטירטע, פון די קאַפּיטאַליסטן געגן דעם ארבעטער קלאַס, פון די אימפּעריאַליסטן געגן די קאָלאָניאַלע פעלקער. אין דער דאָזיגער מלחמה פון מיליטערישער אינטערווענציע געגן סאָוועטן פאַר־באַנד מוזן די ארבעטנדיגע מאַסן פון אמעריקע זיך אָרגאַניזירן צו קעמפן פאַר דעם סאָציאַליזם פון סאָוועטן פאַרבאַנד און געגן דעם אמעריקאַנעם

קאפיטאליזם, פאר א זיג פון דער רויטער ארמיי, וואס קעמפט צו פארטיי־דיגן דעם סאציאליזם און פאר א מפלה פון די אינטערווענציע ארמייען וואס קעמפן פאר אימפעריאליזם און קאפיטאליזם.

דער קאמף געגן אימפעריאליסטישער מלחמה און מיליטערישער אינ־טערווענציע איז א קאמף געגן קאפיטאליזם און קאפיטאליסטישער הערשאפט. דער ארבעטער קלאס מוז קעמפן מיט זיין גאנצער מאכט געגן דער געפאר פון מלחמה און מיליטערישער אינטערווענציע. די ארבעטער און עקספלוא־טירטע פארמער מוזן ארגאניזירן זייערע כחות צו פארוואנדלען די אימפע־ריאליסטישע מלחמה און מיליטערישע אינטערווענציע אין א מלחמה געגן קאפיטאליזם, פאר דער אומוואַרפונג פון דער קאפיטאליסטישער דיקטאטור און פאר דער גרינדונג פון אן ארבעטער און פארמער רעגירונג אין די פאראייניגטע שטאטן.

פארזאמלט זיך אונטער די פאנען פון דער קאמוניסטישער פארטיי

בלויז די רעוואלוציאנערע קאמפן פון די מאסן אונטער דער פירער־שאפט פון דער קאמוניסטישער פארטיי, קאן אפרוקן די אימפעריאליסטישע שחיטה און אפהאלטן די מיליטערישע אינטערווענציע געגן סאוועטן פאר־באנד. לאמיר געדיינקען, אז איינע פון די וויכטיגסטע אורזאכן פארוואס די אומפארמיידלעכע אימפעריאליסטישע מלחמה האט נאך ניט אויסגע־בראכן, איז דער רעוואלוציאנערער קאמף פון די ארבעטנדיגע מאסן פאר דער פארטיידיגונג פון סאוועטן פארבאנד אונטער דער פירערשאפט פון דעם קאמוניסטישן אינטערנאציאנאל.

די עלפטע פלענארע זיצונג פון דער עקזעקוטיווע פון דעם קאמוניסטישן אינטערנאציאנאל, וואס איז אפגעהאלטן געווארן אין אפריל 1931 אין מאסקווע, האט געגעבן די הארעפאשנע מאסן פון דער וועלט א פונדאמענ־טאלע אנווייזונג פאר אקציע, ווען זי האט דערקלערט:

> „די ארבעט פון דעם קאמוניסטישן אינטערנאציאנאל אויף צו פארטיידיגן דעם פארבאנד פון די סאציאליסטישע סאוועט רעפובליקן איז געווארן איינער פון די וויכטיגסטע כחות פאר אנהאלטן דעם שלום; א כח וואס האט געפירט דערצו, אז עס זאל אפגעלייגט ווערן די אימ־פעריאליסטישע שחיטה“.

דער שרעק פאר דעם ארבעטער קלאס און זיינע רעוואלוציאנערע אר־גאניזאציעס האלט דאס צוריק די האנט פון די אימפעריאליסטן און אינ־טערווענציאניסטן. דעריבער מוזן די מאסן זיך אנשליסן אין די רעוואלוציא־נערע קאמפן געגן מלחמה און אינטערווענציע. די מאסן מוזן פארשטארקן זייערע רעוואלוציאנערע ארגאניזאציעס פאר דעם דאזיגן קאמף. דאס מיינט — בויען און פארשטארקן די רעוואלוציאנערע יוניאנס, וואס זיינען ארגא־ניזירט אין דער טרייד יוניאן יוניטי ליג, און בויען און פארשטארקן די קאמוניסטישע פארטיי פון די פאראייניגטע שטאטן.

די ארבעטנדיגע מאסן קאנען ניט קעמפן געגן אימפעריאליסטישער מלחמה און מיליטערישער אינטערווענציע אן דער פירערשאפט פון די דא־

זיגע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס פון דעם אַרבעטער קלאַס. דער קאַמף געגן דער מלחמה געפאַר און מיליטערישער אינטערווענציע געגן סאָוועטן פאַרבאַנד מוז זיין אַן אָ ר ג אַ נ י ז י ר ט ע ר ק אַ מ ף. דאָס פאָדערט שטענדיגע טעגלעכע טעטיגקייט אויף צו דעמאַסקירן דעם היפּאָקריטישן פּאַציפיזם פון דעם הערשער קלאַס און זיינע מלחמה צוגרייטונגען; אויפ־צודעקן סיסטעמאַטיש די געהיימע מלחמה־מאַכינאַציעס פון די אימפּעריאַ־ליסטן און ארויסצורופן די שטענדיגע וואַכזאַמקייט פון די מאַסן; אָנצופירן סיסטעמאַטישע טעטיגקייט צווישן די באַוואָפנטע כחות, כדי זיי אַריבער־צו־געווינען אויף דער זייט פון די אַרבעטנדיגע מאַסן און געגן די אימפּעריאַליסטן; צו זיין צוגעגרייט און אָרגאַניזירט אויף אָנצופירן די דאָזיגע טעטיגקייטן א ו מ ל ע ג אַ ל ווען דער הערשער קלאַס דערלויבט דאָס ניט צו טאָן אויף אַ לעגאַלן אופן.

פון אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען איז בלויז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי גרייט פאַר אַזאַ פּראָגראַם פון אַרבעט. דעריבער איז עס נויטיג צו פאַר־שטאַרקן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי און פאָלגן איר פירערשאַפט ווי אַ מיטל צו פאַרשטאַרקן די כחות פון די אַרבעטער געגן אימפּעריאַליסטישער מלחמה און מיליטערישער אינטערווענציע.

לאָמיר זיך דערמאָנען אָן די דערפאַרונגען פון דעם אַרבעטער קלאַס אין דער מלחמה פון 1914־1918. דורך דעם פאַרראַט פון דעם רעפאָרמיסטישן צווייטן „סאָציאַליסטישן" אינטערנאַציאָנאַל האָבן מערסטע פון זיינע פּאַר־טייען זיך פאַראייניגט מיט זייערע קאַפּיטאַליסטן אין דער אימפּעריאַליס־טישער מלחמה. דער אַרבעטער קלאַס פון יענע לענדער איז געבליבן אָן אָרגאַניזאַציע און אָן אַ פירערשאַפט אויף אָנצופירן אַ רעוואָלוציאָנערן קאַמף געגן דער מלחמה. בלויז אין רוסלאַנד זיינען די מאַסן געווען אין אַ לאַגע פאַרטצוזעצן דעם קאַמף און קעמפן געגן דער מלחמה, וואָס דאָס האָט זיי געבראַכט צו דעם זיג איבער'ן קאַפּיטאַליזם און דער גרינדונג פון דער הער־שאַפט פון דעם אַרבעטער קלאַס. פאַרוואָס איז דאָס געווען אַזוי? ווייל זיי האָבן געהאַט די באָלשעוויסטישע (קאָמוניסטישע) פּאַרטיי, וועלכע האָט פאַר דער מלחמה און אין דער מלחמה שטענדיג געהאַלטן אין אויפקלערן און אָרגאַניזירן די מאַסן פאַר דעם קאַמף געגן אימפּעריאַליסטישער מלחמה. די אָנהייבער פון די באָלשעוויקעס אין אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער (ליבקנעכט אין דייטשלאַנד, א. אַז. וו.) זיינען דאַמאָלט געווען בלויז מינאָ־ריטעטן אין די רעפאָרמיסטישע און אָפּאָרטוניסטישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען.

היינט זיינען רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער איבער דער גאַנצער וועלט אָרגאַניזירט אין קאָמוניסטישע פּאַרטייען, וואָס זיינען די איינציגע פּאַר־טייען פון אַרבעטער קלאַס. דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל פאַר־אייניגט די אַלע פּאַרטייען אין אַ דיסציפּלינירטער וועלט־אָרגאַניזאַציע פון דעם פּראָלעטאַריאַט. היינט צו טאָג האָבן די אַרבעטער אין יעדן לאַנד די אָרגאַניזאַציע און די פירערשאַפט, וואָס איז באמת פּ ר אָ ל ע ט אַ ר י ש

און אינטערנאציאנאל. די ארבעטער מוזן דעריבער זיך אנשליסן אין די קאמוניסטישע פארטייען און זיי פארשטארקן כדי אויפ־צובויען די מאכט פון די מאסן פאר א ווירקזאמען קאמף געגן מלחמה און אינטערווענציע.

די מאסן מוזן אויפבויען זייערע רעוואלוציאנערע יוניאנס, וואס זיינען ארגאניזירט אין דער טרייד יוניאן יוניטי ליג. דאס זיינען קלאסן־קעמפע־רישע יוניאנס, די ארגאניזאציעס וואס פירן די ארבעטער אין דעם קאמף געגן לוין־פארקלענערונגען און געגן הונגער, ווי די נאציאנאלע מיינערס יוניאן פירט איצט דעם סטרייק פון די מיינערס. דערפאר וואס זיי זיינען קלאסן־קעמפערישע יוניאנס, קעמפן זיי אויך געגן דער מלחמה געפאר און געגן דער געפאר פון מיליטערישער אינטערווענציע אין סאוועטן פארבאנד.

די „פריינט פון סאוועטן פארבאנד" („פרענדס אוו די סאוועט יוניאן") און די אל־אמעריקאנער אימפעריאליסטישע ליג זיינען צוויי ניט־פארטיי־אישע ארגאניזאציעס, וואס זוכן צו ארגאניזירן די ארבעטנדיגע מאסן פון אמעריקע פאר אן אמת'ן רעוואלוציאנערן קאמף געגן אימפעריאליזם, אימפע־ריאליסטישער מלחמה און פאר דער פארטיידיגונג פון סאוועטן פארבאנד. יעדער ארבעטער מוז באלאנגען צו די דאזיגע ארגאניזאציעס און אזוי ארום אויסשפרייטן און פארשטארקן די כחות, וואס קעמפן געגן מלחמה און מי־ליטערישער אינטערווענציע.

צו פארשטארקן דעם פראנט פון דעם רעוואלוציאנערן קאמף געגן אימ־פעריאליסטישער מלחמה און מיליטערישער אינטערווענציע, מוזן מיר באַ־זונדער זיך אפגעבן מיט דער ארבעט פון צעמענטירן די סאלידאריטעט צווישן די ווייסע און נעגער ארבעטער. כדי צו פארווירקלעכן די דאזיגע וויכטיגע רעוואלוציאנערע אויפגאבע, איז עס די פליכט פון די ווייסע ארבעטער, וואס געהערן צו דער אונטערדריקענדער ראסע, צו קעמפן אן אפהאלט געגן דער ספעציעלער אונטערדריקונג פון די נעגער־מאסן דורך דעם ווייסן הערשער־קלאס; צו קעמפן אן רחמנות געגן לינטשערייען און לינטשער, צו מאבילי־זירן די מעכטיגסטע מאסן־באוועגונג אויף צו ראטעווען די לעבנס פון די ניין סקאטסבארא אינגלעך; צו קעמפן פאר פולשטענדיגער גלייכהייט פון די נעגערן, אריינגערעכנט די רעכט פון די נעגערן אפצוטיילן דעם „שווארצן פאס", די טעריטאריע מיט א מערהייט נעגער־באפעלקערונג, פון די פאר־אייניגטע שטאטן. די אויפגאבע פון די נעגער ארבעטער איז צו ארבעטן פאר פולשטענדיגער סאלידאריטעט צווישן די שווארצע און ווייסע ארבעטנ־דיגע מאסן אין דעם קאמף געגן דעם געמיינשאפטלעכן אונטערדריקער, — דעם ווייסן הערשער־קלאס, געגן אימפעריאליסטישער מלחמה און מיליטע־רישער **אינטערווענציע.**

מער ווי אלץ מוזן מיר פארשטיין, אז די אגענטן פון די באסעס אין דער ארבעטער באוועגונג — די פירער פון דער אמעריקען פעדערייש׳אן אוו לייַ־באר — זיינען איצט די הויפט־שטיצע פון דער קאפיטאליסטישער הערשאפט אין אמעריקע. די דאזיגע משרתים פון קאפיטאליזם גיבן זיך אן פאר אר־

בעטער־פירער כדי צו צעברעכן און פאַרראַטן די אַרבעטער קאַמפּן. די דאָזיגע רעפאָרמיסטן און סאָציאַל־רעפאָרמיסטן זיינען די הויפּט אויפרייצער צו מלחמה און מיליטערישער אינטערווענציע געגן סאָוועטן פאַרבאַנד. וואָל פאַר דער אַמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר, הילקוויט פאַר דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אַרבעטן האַנט אין האַנט מיט פיש'ן, מיט דער „סיוויק פעדערייישאָן" און מיט די קאַפּיטאַליסטן בכלל צו פאַרשפּרייטן ליגנס און פאַרלוימדונגען געגן סאָוועטן פאַרבאַנד און צו העצן צו דער אינטערווענציע.

באַזונדער מוזן מיר זיך היטן פון די „לינקע" לייבאָר פייקערס, מאַסטי און קאָמפּאַני, פאַר וועמען די לאָוועסטאָניסטישע און די קענאָן־רענעגאַטן מאַכן אַ וועג צווישן די מער ראַדיקאַלע אַרבעטער. די דאָזיגע „לינקע" פייקערס, מיט דער הילף פון די קאָמוניסטישע רענעגאַטן, טוען זייער חלק קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע אַרבעט געגן סאָוועטן פאַרבאַנד דורכדעם וואָס זיי זוכן צו שטערן דעם וואוקס פון דער טרייד יוניאָן יוניטי ליג און דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

קעמפט געגן די לייבאָר פייקערס, רעכטע און „לינקע", און געגן די פאַררעטער, וואָס העלפן זיי אַרויס. בויט די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער באַוועגונג. קעמפט געגן די אימפּעריאַליסטן, וואָס גרייטן צו די מיליטערישע אינטערווענציע געגן סאָוועטן פאַרבאַנד.

אינהאַלט

דער קאַפּיטאַליזם טרייבט די מענטשהייט צו אַ נייער מלחמה 3

די מלחמה־געפאַר און די קאַפּיטאַליסטישע אַטאַקע געגן די אַרבעטער . 9

צוגרייטונגען פאַר אימפּעריאַליסטישער מלחמה און מיליטערישער אינטערווענציע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד 15

באַוואָפענונגען און מיליטערישע צוגרייטונגען פאַר אַ נייער מלחמה . . 21

לייבאָר־פייקערס און סאָציאַליסטישע פּאַרטיי זיינען די הויפּט־אויפהעצער צו מלחמה און מיליטערישער אינטערווענציע 26

די פּוסטע איינרעדעניש און די געפאַרן פון פּאַציפיזם 32

די קירך בענטשט אימפּעריאַליסטישע מלחמה און מיליטערישע אינטערווענציע 39

אימפּעריאַליסטן רייצן אויף די פאַרמער צו מלחמה 44

דער קאַמף פאַר נעגער־רעכט און געגן מיליטערישער אינטערווענציע . 50

אַרבעטער פרויען און יוגנט אין דער קומענדיגער מלחמה 56

דער שווינדל וועגן קאַפּיטאַליסטישע שלום־אָפּמאַכן און אָנטוואָפענונגס־קאָנפערענצן 62

מלחמה־געפאַר פאַרגרעסערט די געפאַר פון מיליטערישער אינטערווענציע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד 67

אָרגאַניזירט זיך פאַרן קאַמף געגן מלחמה און מיליטערישער אינטערווענציע 72

פאַרלאַג

אינט. אַרבעטער אָרדן

1. שול־ביכער. באַוועגלעכע כרעסטאָמאַטיעס פאַר די פּראָיעקטן, וואָס ווערן געלערנט אין די אידישע קינדער־שולן פונים אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן

קינדער
פאַר'ן ערשטן לערניאָר, צוזאַמענגעשטעלט פון ד. מאַראַנס און ב. פרידמאַן (160 זייטן, געבונדן).
פרייז 80 ס. פאַר שולן 50 ס.

שטאָט
פאַר'ן 3טן לערניאָר (60 זייטן).
פרייז 25 ס. פאַר שולן 15 ס.

אַמעריקע
פאַר'ן 4טן לערניאָר (64 זייטן).
פרייז 45 ס. פאַר שולן 25 ס.

ערשטער מאַי
פאַר'ן דריטן און פערטן לערניאָר
פרייז 10 ס. פאַר שולן 5 ס.

צום נייעם לעבן
פאַר'ן דריטן לערניאָר (96 זייטן)
פרייז 45 ס. פאַר שולן 25 ס.

7טער נאָוועמבער
פאַר'ן פערטן לערניאָר (96 זייטן)
פרייז 45 ס. פאַר שולן 25 ס.

2. פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע
עס זיינען שוין אַפּגעדרוקט:

דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־אָרדן
געשיכטע, אויפגאַבן, צילן׳ פון מ. אָלגין. פרייז: 30 ס. פאַר ברענטשעס פון אינט. אַרב. אָרדן 15 ס.

סאָוועטן־פאַרבאַנד בויט סאָציאַליזם
פון מלך עפּשטיין
מיט אילוסטראַציעס
(128 זייטן). פרייז 35 ס. פאַר ברענטשעס פון אינט. אַרב. אָרדן 30 סענט

אַ נייע אַרבעטער־פעסטונג
וואָס איז אַזוינס דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרב. אָרדן און פאַר וואָס אַרבעטער דאַרפן זיך אין אים אַנשליסן
(אידיש, ענגליש, איטאַליעניש און שפּאַניש).

קאַפּיטאַליזם—סאָציאַליזם קאָמוניזם
אַ קורס פון 15 לעקציעס
פרייז 50 ס., פאַר סטודענטן פון אַרב. אוניווערזיטעט און מיטגלידער פון א. אי א. 30 סענט.

אין פאַרלאַג א. א. אָ. געפינען זיך צום פאַרקויף

קינדער־מעשה'לעך
(כאָטש לעניז האָט געזאָגט. דער פאַבריק קוימען סטרייקט. דער ערשטער גענעראַל׳ בירא־בידזשאַן. מאַמעלע פון דאָרף איקאָר). פון שלמה דאַווידמאַן. פרייז 3 ס., פאַר שולן 1 ס. אַ ביכעלע. די לעצטע צוויי ביכעלעך 5 ס. פאַר שולן 1 ס. אַ ביכעלע.

International Workers Order, Inc.
32 Union Square **New York, N. Y.**

CENTER PRESS
50 EAST THIRTEENTH STREET
NEW YORK

אַבאָנירט זיך פאַרן באָלשעוויסטישן
חודש־זשורנאַל

דער האַמער

אין יעדן נומער אַ אוצר פון ליטעראַרישן און וויסנשאַפטלעכן מאַטעריאַל. וויכטיגע פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטלעך - קולטורעלע אַרטיקלען אין ליכט פון לעניניזם. לידער און דערציילונגען פון די בעסטע אידישע פּראָלעטאַריש־רעוואָלוציאָנערע שרייבער אין אַמעריקע און אין אויסלאַנד.

אילוסטראַציעס און צייכענונגען פון אָנערקענטע רעוואָלוציאָנערע מאָלער.

ר ע ד אַ ק ט אָ ר:
מ. אָ ל ג י ן

ק אָ ל ע ג י ע:
קלמן מרמר
י. סולטאַן
מ. אָ ל ג י ן

פּרייז — $2.50 אַ יאָר

H A M M E R

50 EAST 13th STREET • NEW YORK